STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03862

GEKLIBENE VERK

H. Leivick

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געקליבענע ווערק פון ה. לייוויק

ק י י ט ן

דראַמע אין דריי אַקטן

ווילנע — 1931

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

ה. לייוויק

קייטן

דראַמע אין דריי אַקטן

ווילנע—1931
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

H. Leiwik — „Kejtn“

Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

פּערזאָנען

לעווינע

יאָסעף
גריגאָרי
פּעטער
פּרץ
זינגער
גוקי
סאַלאָמאָן
דניאל
— פּאָליטישע אַרעסטאַנטן.

זאַזולי
קאָוועריזניקאָוו
זיידע
— קרימינעלע.

דרוזשינין — קאַטאָרגע־פּאַרוואַלטער.

דאָקטאָר.

וועכטער, סאָלדאַטן, גאָלדגרעבער־רעוואָלוציאָנערן.

ערשטער אַקט

(אַ קאַמער פון אַ קאַטאָרזשנער געפענגעניש אין ווייטן פאַרוואָרפענעם צפון-סיביר. ביי איין וואַנט אַ לאַנגע נאַרע. אנטקעגן — אַ גרויסע אייזערנע טיר געשמידט אין גראַטעס און מאַסיווע שלעסער. נאָענט צו דער כטעליע — צוויי פענצטער, אויך געשמידט אין גראַטעס. ביי דער זייט פון טיר — אַ לאָמפּ אַריינגעטאָן אין אַ לאַמטערן געדראָטעוועט אין דיקן דראָט. אויף דער נאַרע ליגן מאַטראַצן ענג צוגערוקט איינע צו די אַנדערע. צוקאָפּנס — פּלאַכע קישעלעך. איבער די מאַטראַצן — גראָע געוואַנטענע איבערדעקן.

אין קאַמער געפינען זיך עלף אַרעסטאַנטן. אַכט פּאָליטישע און דריי קרימינעלע. די מערסטע פאַרמשפּטע אויף אייביקע קאַטאָרגע. אַלע פּאָליטישע זענען חברים פון איין געריכט-פּראָצעס. אַלע זענען אָנגעטאָן אין קייטן און אין קליידער פון גרויען געוואַנט.

אויף דער נאַרע האָבן פּלאַץ אין פאָלגנדער אָרדענונג: גריגאָרי, לעווינע, פּרץ, סאָלאָמאָן, זינגער, פּעטער, זאַזולי און קאָוועריזניקאָוו. נוקי ליגט פאַרקראָכן אונטער דער נאַרע, אַזוי אַז מען זעט אים קוים אַרויס. מען הערט נאָר פון צייט צו צייט זיין משונהדיקן האַלב-פון-זינגען געריטן קול. ווען-נישט-ווען גיט ער אַ רוק אַרויס זיין קאָפּ, און זעט אויס ווי אַ טשערעפּאַכע, וואָ שטעקט אַרויס דאָס קעפּל פון אונטער איר פּאַנצ

און כאַפּט אים גלייך אַריין צוריק. יאָסעף און דער
זיידע האָבן נישט קיין פּלאַץ אויף דער נאַרע, זייערע
מאַטראַצן ליגן אויף דער ערד.

עס שטייט אַ לאַנגער טיש אין דער ריכטונג פון דער
נאַרע. אויפן טיש — טשאַניקעס, שיסלען, אייזערנע טיי-
קריגלעך. אויפן וואַנט איבער יעדנס געלעגער הענ-
גען טאָרבעס. יעדער האַלט אין זיין טאָרבע זיין ביסל
אָרימקייט. אויף די מערסטע טאָרבעס זענען אָנגע-
שריבן מיט דיקן טינט די איניציאַלן פון די אייגנטי-
מער. דאָס עסנוואַרג אָבער, ווי אַשטייגער: ברויט,
צוקער און אַנדערע זאַכן, ליגט אין איין פּלאַץ אויפן
טיש, ווייל צווישן די פּאָליטישע הערשט קאָמונע.
אויפן טיש שטייט אויך אַ הילצערן שאַכטל מיט מאַ-
כאָרקע-טאַבאַק, און יעדערער, ווער עס וויל רויכערן,
גייט צו און וויקלט אַ פּאַפּיראָס, נוצנדיק פאַר פּאַפּי-
ראָס-פּאַפּיר אַ לאַנגן גראָבן בויגן פּאַפּיר.

ווען דער פאַרהאַנג הייבט זיך אויף איז אָוונט. פון
דרויסן הערט זיך דאָס יאָמערדיקע פייפן פון ווינטער-
דיקער זאַווערוכע. אין קאַמער איז האַלב-פינצטער.
גריגאָרי, אַ קראַנקער אין פיבער, ליגט אויף זיין מאַט-
ראַץ דער ערשטער צום צושויער; דער צווייטער נאָך
אים זיצט לעהינע. לעבן לעווינען זיצן פּרץ, זינגער
און יאָסעף. זייערע פּנימער, אָנגעשטרענגטע און דער-
צאָרנטע, זענען געווענדט צו פּעטערן, וועלכער זיצט
אויף זיין מאַטראַץ באַזונדער מיט אַן איינגעבויגענעם
קאָפּ אַרונטער, ווי עפּעס אַ באַשולדיקטער.

די גאַנצע צייט הערט מען, ווי דער שמיד קאָוועט
קייטן ערגעץ הינטער דער בינע.

אין ווינקל טיף פאַררוקט זיצן זאַזולי און קאָווערז-
ניקאָוו און שפּילן קאָרטן. זיי זענען אַזוי קונציק צו-
זאַמענגערוקט, אַז עס איז אַ וואונדער, וויאַזוי זיי האַלטן
עס אויס. זיי שרומפּן זיך איין מיט אַ כיוון, כּדי דער

וועכטער, וואָס גייט אָפּט צו צום טיר און קוקט אַריין, זאָל נישט באַמערקן ווי זיי שפּילן, הייל קאָרטן-שפּיל איז אין תּפיסה שטרענג פאַרבאָטן. דער זיידע זיצט אויפן דיל אויפן צוזאַמענגעדרייטן מאַטראַץ, איז באַשעפטיקט מיט פלעכטן קערבלעך פון שטרוי און תּייבן האָלץ. פון הינטערן טיר דערהערט זיך דעם וועכטערס קול, צעטראָגט זיך הילכיק.)

וועכטער

אָנצינדן די לאָמפּן!

(די טיר עפנט זיך, עס קומט אריין אַ ארעסטאַנט מיט אַ לאָמפּ, שטעלט אים אריין אין לאַמטערן, פאַרשליסט די לאַמטערן, איבערן קאַמער צעלייגט זיך אַ טונקעלע גע-שטריפטע באַליכטונג. לאָמפּן-צינדער אָפּ. וועכטער אין דער האַלב-אָפענער טיר, קוקט אַרין, באַטראַכט אַלעמען, געפינט אַלץ אין אָרדענונג, וויל די טיר פאַרשליסן. זאַזולי האָט שנעל פאַרשטעקט ערגעץ די קאָרטן, געבליבן זיצן אומשולדיק, אויך אַזוי קאָזערוניקאָוו.)

זאַזולי

(צום וועכטער)

ווי שפּעט, פּעטערל?

וועכטער

דאַרפסט בייטיק וויסן?

זאַזולי

זאָג, פּעטערל.

וועכטער

פינף דער זייגער, הונט אייגער.

זאַזולי

אַ דאַנק, פּעטערל.

קאָוועדזניקאָוו

קאַלט אין קאַמער היינט.

וועכטער

נו, פריר, אַז ס'איז קאַלט.

קאַווערזניקאָוו

אַזאַ זאַווערוכע אויפן גאַס.

וועכטער

די כאָליערע וועט אייך נישט נעמען. (צו אלעמען) זיין הילגע־בורט, דרוזשינין אַליין, וועט היינט קומען אויף רעוויזיע. (אלע שווייגן) איר הערט וואָס איך זאָג אייך!

לעווינע

מיר הערן.

וועכטער

(גייט צו מיט כעס צו לעווינע)

וואָס רעדסטו מיר אַנטקעגן? ווילסט אין מאָרדע? דו ביסט ביי מיר דער גאַנצער פירער דאָ. (אלע זיצן פארגליווערט. וועכטער ציט זיך צוריק צום טיר) הונט איינער! (אָפּ).

זאַזולי

קורווע די מאַמע זיינע! (צו קאַווערזניקאָוון) נעם די קאָרטן. טאַש.

קאַווערזניקאָוו

וואָס שטעלסטו אין קאָן? האָסט אַלץ שוין פאַרשפילט?—

זאַזולי

זאַזול האָט נאָך מיט וואָס צו שפילן. שפיל! אין טאַטן אַריין, אין דער מאַמען, אין הייליקן זון אַריין!

קאַווערזניקאָוו

איך דאַרף זען אויף וואָס דו שפילסט.

זאַזולי

(ווייזט מיט די הענט אויפן זיידנס זעקל, וואָס אויף דער האַנט)

אַז איך זאָג דיר יאָ, מעגסטו גלויבן.

קאַווערזניקאָוו

נו, נעם עס אַרויס ביי אים פון טאָרבע און שטעל אין קאָן.

זאַזולי

(לאָזט זיך האַסטיק צום זיידנס טאָרבע)

זיידע

(מיט שרעק דערשפּירט, שפּרינגט אויף, זיינע הענט ציטערן)

אָהב רחמנות, זאַזולי.

ז אַ ז ו ל י

אַהער מיט דיין צוקער.

ז י י ד ע

איך וועל מאַכן גוואַלדן. טשעפּע נישט מיין צוקער.

ז אַ ז ו ל י

אַלטער תּרח דו. האַלסט אַ זעקעלע מיט צוקער שוין אַ יאָר צייט און גאָרנישט. גיב עס אַהער. איך דאַרף שטעקן אין קאָן.

ז י י ד ע

ס׳איז דאָך אָבער מיינס.

ז אַ ז ו ל י

וואָס מיר מיינס? — אַז עס איז ביי דיר איז עס דיינס, אַז ס׳וועט איבערגיין צו מיר וועט דאָס זיין מיינס.

ז י י ד ע

(מיט האַלב געוויין)

מיין אַנעלע האָט עס מיר געשיקט. מיין אַנעלעס מתּנה. שנייד מיר מיין האַלז בעסער.

ק אָ ו ע ר ז נ י ק אָ ו

נו, גענוג שוין, צום טייוול!

ז אַ ז ו ל י

(קערט זיך צוריק)

איך וועל נאָך אים באַווייזן. דעם אַלטן תּרח. קורווע די מאַמע זיינע. איך שטעל אין קאָן מיין גאַנצן פּאַיאָק ברויט פאַר דער גאַנצער קומענדיקער וואָך.

ק אָ ו ע ר ז נ י ק אָ ו

וועסטו פאַרשפּילן, וועסטו הונגערן. זאָלסט עס וויסן זיין.

ז אַ ז ו ל י

שפּיל. — אין ניקאָלאַי דעם הייליקן אַריין! אין אַרכימאַנדריט אַריין! אין די געדערעם, אין די קישקעס, אין די ריפּן אַריין! (צום אַלטן, העלפער שלעפּט אַראָפּ פון האַנט די טאָרבע זיינע און נעמט אַרויס פון דער טאָרבע אַ קליין ווייס זעקעלע מיט צוקער) עס

וועט דיר נישט העלפן. איך וועל עס צונעמען. אויך די פּאָר שטיוול דיינע וועל איך צונעמען. (שפּילן).

זיידע

(נעמט אַרויס פון טאָרבע אַפּאָר שטיוול, גלעט זיי, ווישט זיי מיטן העמד. עס זעט זיך אָן, אַז די פּאָר שטיוול און דאָס זעקעלע צוקער איז ביי אים זייער טייער)

ביסט אַ רשע, זאַזולי, ווילסט ביי מיר צונעמען מיין אַנעלעס מתנה. אַנעלע — מיין טייער אייניקל, מיין שיין אייניקל.

זאַזולי

טויזנט מאָל געהערט שוין. — אַנעלע, אַנעלע, — אַזאַ אונטער־ציינדערן ווי דו.

זיידע

אויף אַנעלען רייד נישט קיין שלעכטס. רשע דו. — זי איז נאָך אַ קינד. אַ גאָלד. — מיין זון איז אין כעס אויף מיר, דעם אונטערציינדער. שרייבט מיר נישט, שילט מיך. און זי, אַנעלע, נעמט און שיקט מיר אַ בריוועלע און אַ פּעקעלע. איך עפן דאָס פּעקעלע — שטיוועלעך און צוקער! צוויי פונטיקלעך צוקער. און אין בריוועלע שרייבט זי — —

זאַזולי

שוין געהערט, געהערט.

זיידע

זיבן־און־נייגציק ציגעלעך צוקער געווען. זיבן ציגעלעך שוין אויסגעטרונקען. — — — הערסט, אַנעלע, נאָר אין אַ יום־טוב־טאָג טרינק איך טיי מיט אַ צוקערל. יעדן ציגעלע אויף זעכצן שטיקעלעך טייל איך. און מיט יעדן שטיקעלע צוויי גלעזעלעך טיי. (פּויזע).

לעווינע

פאַרוואָס האָט איר דאָס געטון, פּעטער? פאַרוואָס האָט איר אונז פאַרראַטן? וואָס שווייגט איר?

פּעטער

(שווייגט)

זינגער

(קאַפּט זיך)

אַזוי שפּילן אין פּנים דער רעוואָלוציאָנערער עטיק. אונזערער אַ מענטש זאָל אַפּטאָן אַזאַ נבלה—בעטן באַגנעדיקונג ביים צאַר!

פּרץ

איז דיר נישט איינגעפאַלן גאָר, אַז מיר וועלן זיך דערוויסן, אַז דו האָסט געשריבן אַ פּאַפּיר צום צאַר? שוטה דו!

לעווינע

צו וואָס די רייד? זאָל ער רעדן.

פּעטער

(טוט זיך אַ שלײַדער מיטן פּנים אַראָפּ צום געלעגער, ליגט און שווייגט.)

לעווינע

איך פרעג אייך.

פּעטער

איך האָב נישט וואָס צו זאָגן. איך האָב די זאַך געטאָן.

זינגער

באַיקאָטירן אים!

לעווינע

איר האָט מיט אונז מיטגעאַרבעט ביז היינט אין דעם טונעל, וואָס מיר גראָבן, אָנטייל גענומען אין דעם גאַנצן פּלאַן פון אַנטלויפן, — מיינט איר, אַז ס'זאָל קומען די מעגלעכקייט צו אַנטלויפן, וועלן מיר אייך לאָזן מיטגיין מיט אונז?

פּעטער

איך וועל נישט גיין. איך וועל דאָ בלייבן.

נוקי

(מיט אַ האַיענדיקן קול)

ס'איז מיר פינצטער. ס'איז מיר האַרט. דער ווינט וואָיעט. הו, הו. ס'איז מיר קאַלט.

זיידע

הער אויף, זונעלע, דער וועכטער וועט דערהערן וועט ער דיך ווידער שלאָגן.

נוקי

איר זענט מיר אַלע שונאים.

לעווינע

חבר נוקי, שטיל דאָרטן.

נוקי

איך בעט סם — גיט מען מיר נישט, איך וויל סם, מערזאַווצעס.

לעווינע

איך הייס איך שטיל זיין.

נוקי

איר זענט מיר צופיל באַלעבאַס דאָ, חבר לעווינע. דרוזש־נין איז באַלעבאַס — גענוג. מיר איז פינצטער, חבר לעווינע, מיר איז פינצטער.

לעווינע

(מיט באַצווינגונג)

נוקי! (נקי ווערט שטיל, חיינט פאַר זיך)

זינגער

מען מוז איינמאָל פאַר אַלעמאָל פּאַדערן מען זאָל אים צונעמען אין שפּיטאָל.

גריגאָרי

(הייבט זיך האַלב אויף, רעדט קרענקלעך)

פּאָדערן.—נו פּאָדער, פּאָדער. (פאַרהוסט זיך און פאַלט צוריק)

לעווינע

אָן פּאַרצייכלונג, גריגאָרי. איך בין זיכער, אַז דער פּלאַן צו אַנטלויפן וועט אונז געלינגען.

גריגאָרי

דערווייל פּאַרפּייניקט מען אונז ביז צום טויט.

לעווינע

שטאַרק זיין, גריגאָרי!

גריגאָרי

אָ, איך וועל שוין די פרייהייט נישט דערלעבן. איך בין קראַנק

לעווינע

ווילן, גריגאָרי, — ווילן. — — און וואָס זאָגסטו אויף פעטערן?

גריגאָרי

אויב פּעטער איז אַן אָנשטענדיקער מענטש — דאַרף ער זיך אַליין פּאַרמשפּטן.

לעווינע

און וואָס שווייגסטו, יאָסעף? זיצסט מיטן קאָפּ אין די קני און דו שווייגסט.

יאָסעף

מיר געפעלט נישט דער גאַנצער ענין.

זינגער

ער איז שוין דאָ, דער מרה־שחורהניק מיט זיינע פילאָזאָפיעס.

יאָסעף

איך רייד נישט צו דיר.

לעווינע

זאָג וואָס דו ווילסט זאָגן, יאָסעף.

יאָסעף

מיך באַליידיקט אייער אַלעמענס זיכערקייט, מיט וועלכער איר באַהאַנדלט אַ מענטשנס גורל.

זינגער

פּעטער איז אַ פאַררעטער!

יאָסעף

שווייג. (צו לעווינע) אייער זיכערקייט און אייער רויקייט — —

לעווינע

פונוואַנען ווייסטו, אַז איך בין רויק?

יאָסעף

מיט צוויי יאָר צוריק, ווען מען האָט אונז געבראַכט אַהער, וואָלט איך אויך מיט אַ רויק האַרץ פאַראורטיילט אַ חבר, וואָס וואָלט אונז פאַרראַטן. מיר זענען געווען פריש, גאַנץ און ריין, און, איבערהויפּט, ס'איז געווען ליבשאַפט צווישן אונז. אָבער איצט — נישט.

לעווינע

וואָס נישט?

יאָסעף

נישטאָ קיין ליבשאַפט צווישן אונז.

זינגער

טשיקאַווע.

יאָסעף

איך זע זיך און אייך אַלעמען אין נאַקעטקייט. ברוטאַלער נאַקעטקייט. זענען מיר טאַקע רעוואָלוציאָנערן, סאָציאַליסטן? — וואָס זאָגט איר, האַ? איך זע נאָר איינס: די חיה איז אויפגעשטאַנען אין אונז.

לעווינע

אַ וואונדערבאַרע חיה.

יאָסעף

וואָס טויגן מיר די רייד, אַז מיר האָבן אין תוך איינער דעם אַנדערן פיינט. אַ גרויסער ליגן איז דאָ צווישן אונז.

לעווינע

איך פאַרשטיי נישט.

יאָסעף

ליגן אויף דער נאַרע און שלאָפן רויק, ווען אַנדערע וואַלגערן זיך אונטער דער נאַרע, אויפן נאַקעטן דיל, איז געמיינער ווי בעטן מחילה ביים צער.

זינגער

אָהאָ!

יאָסעף

עס פאַרדריסט מיך, וואָס איך בין איינער פון די, וואָס האָבן נישט קיין פּלאַץ אויף דער נאַרע, און שלאָף אויף דער ערד— קען אויסקומען פאַרדעכטיק מיין פאָרוואורף.

זינגער

נו יאָ, ווען דו וואָלסט געהאַט אַ פּלאַץ אויף דער נאַרע, וואָלסטו אים אויך נישט אָפּגעטרעטן צו אַ צווייטן.

יאָסעף

בין איך אויך געמיין ווי אַלע. אָבער דער פאַקט איז דאָך אַ פאַקט. ווער — אויף דער נאַרע, און ווער — אונטער דער נאַרע. אַ גאַנץ ווינטער. — — אַט דער זיידע. — אַן אַלטער מאַן, וואַלגערט זיך אויף דער ערד.

זיידע

עס מאַכט נישט, קינדערלעך. איך פאַרלאַנג נישט.

יאָסעף

און נוקי אין שמוץ אונטן, אין פוילעניש.

זינגער

אַז ס'איז אָבער פאָרט נישטאָ קיין פלאַץ פאַר אַלעמען. עמי־צער מוז דאָך שלאָפן אויף דער ערד.

יאָסעף

עמיצער מוז דאָך ליגן אויף דער ערד? אַוודאי, אַוודאי. — מוז, מוז. — — עמיצער מוז דאָך זיין אַפילו אַ וועלטער... — אפשר וועסטו אויך ווערן אַ וועלטער ווען עס וועט זיין אַ מוז? האַ, וועסט ווערן?

זינגער

פלוידער נישט.

יאָסעף

און אונזער קאָמונע פאַלט דען נישט פונאַנדער?
דולט זיך, דו אַליין ביסט נישט צופרידן.

זינגער

מיט דער קאָמונע איז עפּעס טאַקע נישט גוט, אמת.

יאָסעף

וואָס איז דאָ צו באַהאַלטן. די פאָר פאַרמעגלעכע פון אונז, וואָס זייער געלט ווערט צעטיילט פאַר אַלעמען, באַטראַכטן עס פאַר אַ קרבן און זענען נישט צופרידן.

לעווינע

וועמען מיינסטו?

יאָסעף

אויך דו האַלסט נישט אויס דעם נסיון.

לעווינע

רייד קלאָר.

יאָסעף

צווינגסט מיר צו ריידן — רייד איך. אָט אַ קליינינקייט, דולט זיך. — מיר אַלע רויכערן מאַכאָרקע, שטיקן זיך, און דו דערלויבסט

זיך, אַז די קאָמונע זאָל פאַר דיר אויסשרייבן גוטן טאַבאַק מיט גילזן.

פרץ

איך בין דער עקאָנאָם, און איך בעט קיינעם נישט אַריינמישן זיך.

לעווינע

איך האָב דאָך דערקלערט, אַז איך קען קיין מאַכאָרקע נישט רויכערן. איך הוסט.

יאָסעף

מיר אַלע הוסטן. קיינער פון די נישט־פאַרמעגלעכע האָט אָבער קיין מוט נישט געהאַט צו דערקלערן, אַז ער קען קיין מאַכאָר־קע נישט רויכערן. און דו האָסט געהאַט מוט.

לעווינע

ס׳איז דאָך לעכערלעך, קליינלעך.

יאָסעף

אמת, זייער קליינלעך.

לעווינע

נאַט אייך דעם טאַבאַק מיט די גילזן. נאַט אייך.

(טוט א שלײַדער ס׳פעקל טאַבאַק מיט די גילזן איבערן דיל. גילזן ווערן צעשאָטן. דערשטוינונג און שטומקייט.)

זיידע

(טוט זיך א לאָז אויפקלויבן די גילזן)

איי, איי, קינדערלעך.

יאָסעף

לאָזט עס, זיידע. (זיידע צוריק צו זיין פלאַץ. יאָסעף שטאַמלט) אין כעס ווערן דאַרף מען נישט, לעווינע. איך האָב נישט גע־מיינט באַליידיקן. דו ווייסט מיין גרויסן אָפּשיי פאַר דיר. (בויגט זיך און קלויבט צונויף די גילזן.)

זאַזולי

אַהאַ, איצט האָסטו פאַרשפּילט. קורווע די מאַמע דיינע, גיב אַהער אַלץ צוריק. און דיין פונט קאָלבאַס אַהער.

קאָוערזניקאָוו

נאַ, נאַ, אין האַרץ, אין די ריפּן, אין די קנעכלעך און אין די

לונגען אַרייַן. הינטישער! — נאַ, נאַ, ברודער. אָבער — שפּיל ווייטער.

זאַזולי

שפּילן, שפּילן, טאַש. (שפּילן)

גריגאָרי

דעק מיך צו. מיך פֿיבערט.

לעווינע

(דעקט אים איין)

ש-ש, גריגאָרי!

גריגאָרי

וואַסער אַביסל

פּרץ

(דערלאַנגט)

נאַ, גריגאָרי. (פּויזע)

לעווינע

הער זיך איין, זינגער. — אָט לאָז איך זיך אַרונטער אין טונעל. —הער וואָס איך טראַכט. ביז וואַנען מיר וועלן דורכגראָבן דעם גאַנצן טונעל, ביז אויף יענער זייט צאַם, וועט נעמען חדשים נאָך — ס'איז צו לאַנג צו וואַרטן.

זינגער

נו, דערום?

לעווינע

צום הויף קענען מיר שוין צוקומען. אַפילו היינט.

יאָסעף

(מיט אויפשפּרונג)

וואָס?

לעווינע

פון הויף טיילט אונז אָפּ אַ שטיקל וואַנט. איין זעך—און מיר זענען אויפן שטילסטן ווינקל פון הויף, ווו דאָס אויג פונעם וועכטער פּאַלט נישט אַזוי אָפּט. און איבערן צאַם — מיט אַ שטריק-לייטער. די נאַכט איז אַ גוטע היינט, — אַ פינצטערע, אַ זאַווערוכע.

יאָסעף

אויף זיכערן דורכפאַל גיין — איך פּראָטעסטיר קעגן דעם.

זינגער

איך מיין אויך, אַז מיר טאָרן אַזוי נישט ריזיקירן,

לעווינע

איך האָב דערהאַלטן אַ ידיעה, אַז אין די גאָלד-גרובן וועט היינט-מאָרגן זיך אָנהייבן דער אַלגעמיינער שטרייק. סיביר, אונזער ראַיאָן איבערהויפּט, קען שפּילן אַן אַנטשיידנדיקע ראָלע אין דעם אָנהייב פון דער רעוואָלוציע. און אויב אונז זאָל געלינגען צערויסצורײַסן זיך פונדאַנען און איבערנעמען די פירערשאַפט פונעם שטרייק — —

זינגער

חלומות.

לעווינע

איך רייד נישט קיין חלומות. רוסלאַנד וויל זיך באַפרייען פון צאַריזם. נו, גוט. דעם צאַר וועט מען אַרונטערוואַרפן. וואָס ווייטער? (באַטאָנט) מיר דאַרפן די סאָציאַלע רעוואָלוציע! און אָנהייבן דאַרף מען זי דאָ, אין סיביר. וועגן דעם חלום איך.

יאָסעף

אָט דאָ אין העק?

לעווינע

מיר וועלן פאַרוואַנדלען דעם שטרייק אין אַ סאָציאַלן אויפשטאַנד. פאַרכאַפּן די מינען, דעם גאַנצן געגנט, דעם גרעסטן טייל פון סיביר, באַוואָפענען אַן אַרבעטער-אַרמיי. און דאָס וועט זיין אַ רוף צו גאַנץ רוסלאַנד, זי זאָל אונז נאָכטון.

יאָסעף

אַוואַנטיורע!

לעווינע

אַך! — — זינגער, איך לאָז זיך אין טונעל אַריין. (אָפּ אונטער דער נאַרע.)

יאָסעף

(גייט האַסטיק איבערן קאַמער)

שפּילן זיך מיט לעבנס, — מיט אייגענעם, מיט **פרעמדע.**

זינגער

(צו פעטערן)

גאָספּאָדין פעטער, איך וויל נישט, אַז דיין געלעגער זאָל ליגן לעבן מיינעם.

פּרץ

זינגער, — מען דאַרף נישט.

זינגער

מען דאַרף! איך וויל נישט ער זאָל ליגן לעבן מיר. אַ פאַררעטער זאָל זיך צורירן צו מיר, זאָל ער שלאָפן אויף דר׳ערד.

יאָסעף

ס׳איז שרעקלעך.

זינגער

(אַ זעץ מיטן פויסט אין דער נאַרע)

אַ פאַררעטער דאַרף מען אָפּשיידן פון זיך אַזוי ווי אַ קרעציקן.

יאָסעף

(גיט זיך אַ זעץ אַרונטער אויף דר׳ערד אין אַ ווינקל. קאַרטשעט זיך צונויף)

פעטער

(נעמט זיין געלעגער, שלעפּט עס פון דער נאַרע צום דיל לעבן טיר. פאַלט אליין צו צו דער ערד. ברעכט צונויפן. עס שפּאַרט פון אים מיט געוויין. דער אָפּגעליידיקטער פּלאַץ אויף דער נאַרע קוקט אויס ווי אַ קבר. פויזע. די טיר עפנט זיך. עס קומט אַריין סאַלאָמאָן מיט פעקלעך אויף די הענט. טיר פאַרשליסט זיך)

פּרץ

(מיט צעשפּרייטע הענט אנטקעגן סאַלאָמאָנען, פריידיק)

אַסך גוטע זאַכן האָט דיר דער טאַטע געבראַכט, סאַלאָמאָן?

סאַלאָמאָן

(צערווישט)

יאָ, ברודערל, — פּרוכּט, פּוטער, קעז און קאַלבאַס. און שאָקאָלאַד! און אַ טאָרט, — ברודער. אַן אמתער טאָרט. היינט פּאַפּיראָסן. טויזנט שטיק.

פּרץ

אַ מאָלאָדיעץ דער טאַטע דיינער. וואָס, ער פאָרט שוין אַוועק צוריק?

סאַלאָמאָן

(מיט טרערן)

יאָ, פאָרט שוין אַוועק. — — דאָס שאַכטל שאָקאָלאַד האָט מיר מיין קליין שוועסטערל געשיקט. דאָס לײדיקע שאַכטל וועסטו מיר אַוועקגעבן. יאָ, פּרץ?

פּרץ

(נעמט איבער ביי אים די זאַכן)

איך גיב דיר גאָרנישט. מיש זיך נישט.

סאַלאָמאָן

און דעם טאָרט צעטייל היינט צו טיי. יאָ, פּרץ?

פּרץ

(שטופּט אים פון טיש)

איך פרעג ביי דיר נישט און מיש זיך נישט. אַז איך וועל טײלן היינט—וועסטו היינט עסן, אַז איך וועל עס דיר געבן מאָרגן—וועסטו מאָרגן עסן.

סאַלאָמאָן

דאָס שאַכטל פון שאָקאָלאַד וויל איך האָבן.

פּרץ

מאַלע וואָס דו ווילסט. גיי אויף דער נאַרע, גיי. האָסט זיך נישט וואָס צו מישן, ס'איז נישט דיינס. (עפנט דאָס שאַכטל. פאַרחידושט) פאַרוואָס איז דאָס שאַכטל שאָקאָלאַד נישט פול?

סאַלאָמאָן

פונוואַנען זאָל איך וויסן?

פרץ

אַ שאַכטל דאַרף זיין פול. — — גיי אויף דער נאַרע. גיי.

סאַלאָמאָן

(מיט שווערע טריט קריכט ארויף אויף דער נארע, ציט זיך אוים אויף זיין מאטראַץ. זינקט איין מיטן פנים אין קישן.)

זינגער

וואָס דערציילט דער טאַטע דיינער נייעס?

סאַלאָמאָן

גרויסע נייעסן קומען פאַר אין לאַנד, זאָגט דער טאַטע. רעוואָ-לוציע קומט.

זינגער

דערצייל.

סאַלאָמאָן

און אינדערהיים איז נאָך זומער, זאָגט דער טאַטע. אַרבוזן זע-נען צייטיק. און אויף וויינטרויבן אַ גערעטעניש, זאָגט דער טאַטע. (דעקט זיך איבער איבערן קאָפּ. ליגט.)

פרץ

וואָס? דו וויינסט? — — שאַ. ווין נישט. איך וועל דיר געבן דאָס שאַכטל, און דעם טאָרט וועל איך צעטיילן באַלד. נו, גוט? (ער לייגט ארוים דעם טארט, נעמט אַ לעפל, צייכנט לי-ניעס פאר חלקים.)

זינגער

אויף וויפל חלקים טיילסטו? פאַר פעטערן נישט.

יאָסעף

(שארף)

פאַר מיר אויך נישט!

פרץ

וואָס?

יאָסעף

נעמט מיך אויך אַרויס פון חלק.

פרץ

ווילסט די קאָמונע זאָל צעפּאַלן?

אָסעף

זי איז שוין סיי־ווי צעפאַלן.

פרץ

ביסט משוגע געוואָרן, צי וואָס? וועסט ביי מיר עסן טאָרט, אַז די כאָליערע ועט דיך כאַפּן.

(עס עפנט זיך די טיר און דער וועכטער פירט אריין א נייעם ארעסטאנט, דניאלן, — א יונג בחורל פון א יאָר צוואַנציק. אָנגעטאָן אין דער פולער קאטאָרזשנער אמוניציע. א טאָרבע אויף דער פּלייצע. הינטער שלעפּט א מאטראַץ, א קישעלע און א בלאַנקעט. גיט עס א שליידער צו דער ערד)

דניאל

גוטן אָוונט, חברים?

וועכטער

(מיט קרימעניש)

גוטן אָוונט? — דאָ איז דיר סיביר, קאטאָרגע, נישט קיין אַכסניא. אַזאַ יונג פּנימל און קריכסט שוין אין דער קאטאָרגע? דיר געפעלט אויך נישט דער צאַר? האַ? איך וועל דיר דיין יונג פּנימל אַלט מאַכן. צעקנייטשן. (גיט אים א זעץ איבערן קאָפּ מיטן פויסט) אָט האָסטו דיר אַ צוגאָב צו דעם, וואָס דו האָסט געקראָגן אין קאַנצעלאַריע.

דניאל

(האַלט זיך קוים אויף די פיס, זיינע אויגן בלאָנדזשען, זוכן שוץ. אלע זיצן מיט די קעפּ אראָנטער. דניאל גלייכט זיך אויס. דעם וועכטער אין פּנים אריין.)

אַרויס!

וועכטער

(נעמט ארויס רעוואָלווער פון שייד)

אָ, אַ פויגל! וועסט שוין ביי מיר קלאַפּן מיט די פליגלען. זעסט ווי זיי זיצן און שטומען. — איך האָב זיי איינגעבראָכן — וועל איך דיך אויך איינברעכן. קומסט פון ווילנע — אָט האָסטו דיר ווילנע! (גיט אים א צווייטן זעץ מיטן הענטל פון רעוואָלווער אונטערן זיים. דניאל פאַלט צו מיטן פּנים צום

טיש. וועכטער אָפּ. אַלע רינגלען אַרום דניאלן. פּעטער אָן דער זײַט שטייט און גלייוערט. פּעטער, יאָסעף, זינגער העלפֿן דניאלן קומען צו זיך, בינדן אים פֿונאַנדער דעם כאַלאַט, נעמען אים איין מיט צערטלעכקייט.)

זינגער

(דערלאַנגט וואַסער)

טרינקט אַביסל וואַסער.

יאָסעף

לאָזט אים בעסער אַוועקלייגן זיך.

דניאל

(טרינקט)

אַ דאַנק, חברים. מיר איז שוין בעסער.

פּרץ

מען האָט אונז אַלעמען אַזוי אויפגענומען, חבר.

זינגער

ווייסט מען כאָטש אין לאַנד ווי מען פּייניקט אונז דאָ?

דניאל

יאָ מען ווייסט.

פּרץ

עס וועט דאָך מוזן קומען אַ רעכענונג!

דניאל

עס וועט קומען, חברים. עס קומט שוין. איבערן גאַנצן לאַנד שטורעמט. — שטרייקן, דעמאָנסטראַציעס. דער צאַריזם ברעכט צו-זאַמען. (טוט זיך אַ כאַפּ פֿאַרן זײַט) אָ, עס טוט ווײ. (לייגט זיך און זעצט זיך גלייך צוריק) נו, אַ דאַגה.

יאָסעף

מיר ווייסן דאָך נאָך אַפילו נישט אייער נאָמען און אויף ווי-פּיל איר זענט פֿאַרמשפּט.

דניאל

מײַן נאָמען איז דניאל. פֿאַרמשפּט אויף צוועלף יאָר פּאַר אַגי-טירן צווישן מיליטער. פֿינף חדשים אין וועג. אַך, אַ וועג! — נו, אַ דאַגה. אַבי איך בין שוין דאָ מיט אײַך. איך בין גליק-

לעך וואָס איך בין מיט אייך. — — דאָ באַדאַרף זיך געפינען חבר לעווינע אויך. יאָ?

זינגער

אוודאי דאָ, איר קענט אים?

דניאל

ער קען מיך אויך זייער גוט. זיין שילער געווען. און צווייטנס — דאָס גאַנצע לאַנד קען אים, זיין נאָמען אויף אַלעמענס ליפּן. מען פאַרהייליקט אים. די תלינים האָבן אים אַזוי געפּייניקט.

זינגער

געפּייניקט האָט מען אונז אַלעמען.

דניאל

יאָ, מען ווייסט אַלע פּרטים. — — איר ווייסט, זינט איך בין אַרעסטירט געוואָרן האָט מען מיך שטענדיק געהאַלטן אין איינצל־קאַמערן, איינעם אַליין. און איך האָב אַזוי געבענקט זיצן מיט חברים צוזאַמען אין איין קאַמער, פילן זיך ווי אַ טייל פון אַלע־מען ווי אַ גלייכער שותף צו אַלע פּייניקונגען. אַז דו זיצסט אַליין אין אַ קאַמער און מען פּייניקט דיך דאָרט — האָבן עפּעס די יסורים קיין זין נישט.

יאָסעף

און ווו האָבן יסורים יאָ אַ זין?

דניאל

(קוקט אים אָן)

וואָס? נישט אמת דען? אָבער איך פיל אַזוי. אָט בין איך שוין ענדלעך דאָ מיט אייך. — — אַך, ווי ווייט! ס׳אַראַ העק. און ס׳איז מיר אַזוי גוט וואָס איך בין שוין מיט אייך. — — — כ׳וואָלט זייער וועלן זען חבר לעווינע.

זינגער

(אויפן אויער צו דניאלן)

איך דאַרף אייך גלייך אַריינציען אין אונזער סוד. מיר פּלאַנע־ווען אַנטלויפן פון דאַנען. מיר גראָבן אַ טונעל פון אונטער דער גאַנצער דורכן וואַנט.

ד נ י א ל

אָ, ווי גוט, ווי גוט!

ז י נ ג ע ר

לעווינע איז דאָרט. — ער אַרבעט.

ד נ י א ל

וואונדערבאַר! — — חבר גריגאָרי געפינט זיך אויך דאָ? וועגן אים רעדט מען אויך אַזוי פיל.

ז י נ ג ע ר

(ווייזט אָן אויף גריגאָרין)

אָט ליגט ער. — — גריגאָרי, אַ נייער חבר איז דאָ.

ג ר י ג אָ ר י

(הויבט אויף דעם קאָפּ)

זייט געגריסט, חבר.

ד נ י א ל

(נעמט מיט ציטער גריגאָרים האַנט)

ווי פילט איר, חבר גריגאָרי?

ג ר י ג אָ ר י

איך שטאַרב, חבר.

ד נ י א ל

ניין!

ג ר י ג אָ ר י

קען נישט דערלעבן די רעוואָלוציע. די כּוחות גייען אויס.

ד נ י א ל

די רעוואָלוציע קומט באַלד.

ג ר י ג אָ ר י

די קומט? — אָבער איך שטאַרב. איך שטאַרב. (גיט אַ פאַל אויף צוריק.)

ד נ י א ל

(דערהערט אַ געהאָי פון אונטער דער נאַרע)

וואָס איז דאָרט? וואָס איז דאָרט?

ז י נ ג ע ר

דאָרט ליגט חבר נוקי. אַביסל נישט ביי זיך. ליגט שטענדיק

אונטער דער נאַרע. ווײַל נישט אַרויסקריכן.

דניאל

(שפּאַנט אַרום איבערן קאַמער, בויגט זיך אײַן און קוקט אונטער דער נאַרע.)

נוקי

(פון אונטער דער נאַרע מיט אַ צאָרנדיקן געוואַי)

וואָס קוקסטו?

דניאל

וואָס מאַכט איר, חבר?

נוקי

קוק נישט, מערזאַוועץ! שטעך דיר אַרויס די אויגן בעסער.

דניאל

באַרויקט אײַך, חבר.

נוקי

(אויסגעשריי)

באַרויקן זיך? — אַוועק! (דניאל שטייט אַ פאַרציטערטער)

יאָסעף

(זיצנדיק אַ צוזאַמענגעקאָרטשעטער)

נישט אַזוי גן־עדנדיק, האַ?

דניאל

(קוקט אים אָן)

איך פאַרשטיי אײַך נישט. (צו זינגערן) פאַרוואָס לאָזט איר אים ליגן אונטער דער נאַרע? ווי קען מען רויק זײַן, ווען אונטן אין פינצטערניש און שמוץ וואַלגערט זיך אַ חבר?

זינגער

נו, וואָס זאָל מען טון? מען געוויינט זיך צו, ברודער. — — אגב, נעמט טאַקע דעם מאַטראַץ אײַערן און לייגט אים אַרויף אַהער לעבן מיר. אַ ליידיקער פּלאַץ דאָ. קומט, איך וועל אײַך העלפן. (נעמט שלעפּן דניאלס מאַטראַץ און קישן, לייגט עס אַרויף אויף פּעטערס אָרט)

דניאל

כ'פאַרשטיי אָבער נישט: אָט ליגן דאָך חברים אויף דער ערד.

ָעגען זיי דאָך ביליִקער פאַר מיר.

יאָסעף

מיר איז גוט אויף דער ערד אויך.

דניאל

מאָדנע, מאָדנע. (צו זינגערן) ביין, חבר, איך וועל בעסער אויך ליגן אויף דער ערד.

זינגער

פאַרוואָס? לייגט זיך דאָ.

דניאל

(אין פאַרלאָרנקייט)

כ'פאַרשטיי נישט, ס'איז עפּעס מאָדנע. — — איך בין נאָך יונג, געזונט, ס'וועט מיר נישט שאַטן אויף דער ערד. (שלעפּט אַראָפּ דעם מאַטראַץ צוריק, לייגט אים אויס אויף דר'ערד לעבן יאָסעפן, זעצט זיך אַליין אַרונטער. זיצט געקלעמט און פאַרלאָרן. די טיר עפנט זיך. אַן אויסגעשריי אין קאָרידאָר: טיי, טיי! זאַזולי קאָווערזניקאָוו, דער זיידע און פרץ נעמען טשאַיני קעס. גייען אַרויס פון קאַמער אויף אַפּאָר סעקונדן, קומען אַריין גלייך צוריק מיט אָנגעגאָסענע טשאַיניקעס. זינגער אין דער צייט גייט צו סאַלאָמאָנען, וועלכער ליגט אויף דער נאַרע איבערגעדעקט מיטן קאָלדערע איבערן קאָפּ.)

זינגער

וואָס האָסטו זיך איבערגעדעקט איבערן קאָפּ מיטאַמאָל? ביסטו אויך קראַנק?

סאַלאָמאָי

איך וויל ליגן, ליג איך.

זינגער

אָבער וואָס איז מיט דיר פּאָרט? (שלעפּט פון אים אַראָפּ די קאָלדערע, קוקט אָן סאַלאָמאָנען מיט שטוינונג, דערזעענדיק ווי סאַלאָמאָן קייט עפּעס ליגנדיק מיטן פּנים אין קישן, שרייט) וואָס טוסטו? וואָס טוסטו? (שפּרינגט אויף מיט נאָך אַ גרעסערן ליאַרם.) פע, פע, אַ חרפּה!

דניאל

וואָס איז דאָרט, חבר?

זינגער

אומדערטערעגלעך, מיאוס — האָט זיך איבערגעדעקט מיטן קאָלדרע און עסט אַראָפּגעגנבעטן שאָקאָלאַד.

דניאל

אָבער צו וואָס פאַרשעמען?

זינגער

מען דאַרף. — ס׳קריכט פון האַלז. (די וואָס זענען ארויסגעגאַנגען נאָך טיי קומען אַריין צוריק)

פרץ

וואָס פאַר אַ געוואַלדן?

זינגער

נאַ, זע, ליגט אויף דער נאַרע איבערגעדעקט איבערן קאָפּ, פּלומרשט קאַלט איז אים, און עסט שאָקאָלאַד, וואָס ער האָט אַראָפּגענומען אין וועג פון שאַכטל.

פרץ

(האָט אַװעקגעשטעלט די טיי אויפן טיש)

ס׳איז אמת, סאַלאָמאָן?

סאַלאָמאָן

נו, וואָס מאַכט איר אַזעלכע געוואַלדן?

פרץ

מיין געדולד פּלאַצט שוין אויך! (גיט אַ שליידער אָן טיש דעם טאָרט מיטן גאַנצן עסנוואַרג) אין ד׳רערד אַריין מיט אַלץ מיט אַנאַנדער! (ער נעמט צוזאַמען דאָס גאַנצע עסנוואַרג און שלײַדערט עס צו סאַלאָמאָנען אויפן מאַטראַץ) אויס קאָמונע! אויס! נעם עס דיר אין דיין זעקל אַריין. ס׳איז דיינס — האָב עס. עס דאָס אַליין. ס׳איז דיינס, דיינס, דיינס. — —

סאַלאָמאָן

(אַ פאַרלאָרענער, טראָגט צוריק דאָס עסנוואַרג צום טיש)

נו, מאַך נישט קיין ווען.

יאָסעף

(שפּרינגט אויף. גיט אַ טופּ מיטן פוס)

גענוג קאָמעדיע! (אלע צערוקן זיך אין ווינקלען, מיט די פּנימער צום וואַנט. די אָנגעגאָסענע קריגלעך טיי שטייען אויפן טיש, קיי־נער רירט זיך נישט צו צו זיי. דניאל שטייט אין מיטן קאַמער. קוקט אָן אַלעמען מיט גרויסע טרערן־אָנגעגאָסענע אויגן. נוקי קריכט אַ־רויס פון אונטער דער נאַרע, בלייבט זיצן אויף דער ערד. קוקט אויף דניאלן, שטרעקט אויס צו אים זיינע הענט.)

נוקי

ברודערקע, וואָס ווייסטו? (נעמט אַ קריגל טיי. וויל טרינקען. שטעלט עס אַוועק צוריק)

דניאל

(גייט צו צו נוקין און לייגט אַרויף זיינע הענט אויף אים)

ניין, איך ווייס נישט.

נוקי

ס'איז גוט. איך זאָג דיר, ס'איז גוט. גלויב מיר. האָסט מיך געהערט וואָיענדיק — אָט וואָיע איך נישט מער. וואָס, מען טרינקט גאָרנישט קיין טיי?

דניאל

איך ווייס נישט. איך פאַרשטיי נישט.

(פון אונטער דער נאַרע קריכט אַרויס לעווינע)

לעווינע

אָ, שוין דאָ טיי? בין שרעקלעך הונגעריק (זעט ווי אלע זיצן שטום און אָפּגעזונדערט איינער פון צווייטן.) וואָס זיצט איר אַזוי מאָדנע צערוקט איינער פון דעם אַנדערן? וואָס טוט זיך דאָ? וואָס שווייגט איר?

דניאל

(אַן אויפגעלויכטענער מיט פרייד)

חבר לעווינע!

לעווינע

זע, אַ נייער חבר, פון וואַנען? נאָר־וואָס געקומען? (טרייסלט שטאַרק דניאלס האַנט.)

דניאל

ווי גליקלעך איך בין וואָס איך זע אייך, חבר לעווינע. איר דערקענט מיך נישט?

לעווינע

(קוקט אָנגעשטרענגט)

אַזאַ באַקאַנט פּנים.

דניאל

איר זענט דאָך מיין לערער געווען. אַנו, דערמאָנט זיך. ווי־סער פלעגט איר מיך רופן.

לעווינע

(איבערראַשט)

דאַניליק! (נעמט אים אַרום און קושט אים) אָ, דאַניליק! זייט איר שוין אויך דאָ, הייסט עס. לאָזט מיך אייך אָנקוקן. זיי האָבן אייך שטאַרק געשלאָגן?

דניאל

יאָ, נישקשה.

לעווינע

דאַניליק טייערער, צו יונג פאַר קאַטאָרגע נאָך. אויף לאַנג?

דניאל

צוועלף יאָר.

לעווינע

צופיל. — — אָ, מיין ליבער.

דניאל

נו, און אַז איר זענט פאַרמשפט אויף אייביקע קאַטאָרגע.

לעווינע

נו, איך בין עפּעס אַנדערש. — — איר זענט נאָך גאָר אַ קינד! (נעמט אים ווידער אַרום) און פונדעסטוועגן איז גוט וואָס איר זענט דאָ מיט אונז. עס בענקט זיך שוין טאַקע נאָך אַ פרישן מענטשן, נאָך אַ נייעם. — — — זע, אָבער וואָס טוט זיך דאָ מיט דער קאַמער היינט? וואָס זיצט איר אַלע איינע צו די אַנדערע מיט די פּלייצעס? וואָס עסט איר נישט! וואָס טרינקט איר נישט קיין טיי?

פרץ

אויס קאָמונע.

לעווינע

וואָס איז דאָ אַזוינס פּאָרגעקומען? (שטרעקט אויס זיינע הענט) נישט היינט איז די צייט צו פונאַנדערפּאַלן, חברים. איך מוז אייך אָנזאָגן, אַז מיר דאַרפן זיין גרייט. די וואַנט צום הויף צו האָט זיך דורכגעבראָכן און איז אָפן.

יאָסעף

(שפּרינגט אויף)

נישט מעגלעך. ס'איז שרעקלעך.

לעווינע

(מיט רויקייט)

הער'ט וואָס איך זאָג אייך. זייט גרייט. זייט גרייט צום אַנטלויפן.

גריגאָרי

(אין ציטערדיקן פיבער)

ניין, ניין, נישט היינט. איר ווילט מיך איבערלאָזן דאָ צום שטאַרבן.

לעווינע

וועסט זיך שטאַרקן און וועסט מיטגיין

גריגאָרי

איך קען נישט היינט. איך קען זיך נישט רירן פון געלעגער. לאָזט מיך נישט איבער.

יאָסעף

מען וועט נישט גיין, זאָג איך. ס'איז אומזין, ס'איז זיכערער טויט.

לעווינע

אויב איר וועט נישט גיין — גיי איך אַליין.

יאָסעף

מיר וועלן אייך נישט לאָזן.

לעווינע

בין איך נישט קיין באַלעבאָס אויף זיך?

יאָסעף

ניין! וויפל מאָל האָט איר אַליין געזאָגט, אַז יעדער פון אונז איז נאָר אַ טייל. אייערע ווערטער. און ווי קען מען טראַכטן גאָר איבערצולאָזן גריגאָרין?

לעווינע

קיינער טראַכט נישט. ער וועט מיטגיין. — — דו זאָגסט אַ טייל? אַ טייל פון וואָס? פון אָט דער פינצטערער קאַמער? מיר זענען אַ טייל פון עפּעס גרויסעס. און דאָס גרויסע רופט. מיר מוזן אַרויס אויף דער פריי אונטער אַלע אומשטענדן.

גריגאָרי

איר ווילט מיך איבערלאָזן שטאַרבן.

נוקי

שטאַרבן. אַלע שטאַרבן און מיך אַרט נישט. איך וועל בלייבן דאָ. מיר וועט זיין גוט. מיר איז גוט. (איבערן קאָרידאָר צע־טראָגט זיך אַ גלאָק און אַן אויסגעשריי: „רעוויזיע!”. אַלע אין קאַמער שטעלן זיך אויף, חוץ גריגאָרי. די טיר עפנט זיך און עס קומט אַריין דרוזשינין מיט אַן אויסגעפּאַנצערטער ברוסט. פיר וועכטער מיט געלאָדענע רעוואָלווערן אין די הענט באַגלייטן אים.)

דרוזשינין

זדראָוואָ! (אַלע שווייגן חוץ קאָווערזניקאָוו, זאַזולי און דער זיידע. זיי ענטפערן: „זדראַוויע זשעלאַיעם וואַשע בלאַגאָראָדיע!”. דרוזשינין באַקוקט אַלעמען. ציילט זיי איבער. ווייזט מיטן האַנט אויף גריגאָרין) פאַרוואָס שטעלט ער זיך נישט אויף?

לעווינע

(מאַכט אַ טראָט פאָרויס)

ער איז קראַנק.

דרוזשינין

שטיי אויף דיין פּלאַץ. — — ער איז קראַנק, זאָגסטו? איך אָנערקען נישט קיין קראַנקע. אַלע דאַרפן אויפשטיין ווען איך קום אַריין. (צו די וועכטער) הייבט אים אויף. (וועכטער גיבן זיך אַ לאָז צו גריגאָרין, לעווינע פאַרשטעלט זיי דעם וועג)

לעווינע

ער האָט פיבער

דרוזשינין

(טייטלט מיטן האנט אויף לעווינען)

נעמט אים אין קאַרצער און דערלאַנגט אים. (וועכטער הויבן אויף די הענט, ווילן אַ זעץ טאָן מיט די רעוואָלווערן איבער לעווינע. אין דער רגע שפּרינגט צו דניאל, שטעלט זיך צווישן לעווינע און די וועכטער.)

דניאל

שלאָגט מיך. נעמט מיך אין קאַרצער. כ'וועל נישט לאָזן זיך צוּרירן צו חבר לעווינע. (דניאלס אויסגעשריי און אופן פון צושפּרינגען שטעלט אָפּ אויף אַ רגע די וועכטער)

דרוזשינין

(מעסט אָפּ מיט חוזק דניאלן. האָט הנאה, זעט מען, פון דעם גאַנצן שפּיל.)

ווילסטו מען זאָל דיך שלאָגן? איך שלאָג ווען איך וויל... הם... אַ בלאָנדינקער אַזאַ, אַ יונגינקער. ווייסט שוין אויך פון איינשטעלן זיך פאַר אַ צווייטן. (צו פּעטערן) נו, וואָס שווייגסטו עפּעס? ווילסטו זיך גאָרנישט איינשטעלן פאַר קיין חבר?

פּעטער

(אַ צוזאַמענגעבראָכענער)

נעמט מיך, שלאָגט מיך.

לעווינע

(צו גריגאָרין)

גריגאָרי טייערער, שטעל זיך אויף, גיכער. נעם צונויף דיינע לעצטע כּוחות. — — אַז נישט, וועט זיין אַ קאַטאַסטראָפע.

גריגאָרי

יאָ, יאָ. (מיט אַלע כּוחות קריכט ער אַראָפּ פון דער נאַרע, בלייבט שטיין אין וואַקלעניש)

דרוזשינין

אָט אַזוי, אָט אַזוי. מיר קענען אייך, חולאים. (צו דניאלן) נו, בלאָנדינקער, ווילסט נאָך אַלץ זיך איינשטעלן פאַר חבר לעווינע, ווי דו זאָגסט? ער דאַרף גיין אין קאַרצער. ווילסטו נאָך אַלץ גיין פאַר אים.

ד נ י א ל

יאָ, איך וויל גיין. נעמט מיך.

ד ר ו ז ש י נ י ן

נו, גוט. מיר וועלן דיר טאָן די געפעליקייט. (צו די וועכטער) נעמט אים. (די וועכטער גיבן אַ נעם דניאלן, פירן אים אַרויס. דרוזשינין אָפּ. די טיר פאַרהאַקט זיך. פון קאָרידאָר הערט זיך ווי מען שלעפּט דניאלן, קלאַפּעריי און טופּעריי איבער טרעפּ. געוואַלד-געשרייען. עס ווערט שטיל, איבערן קאָרידאָר טראָגט זיך אַ פאָנאַנדערגעצוויגענער קול: ל י י ג ט ז י ך ש ל אָ פ ן! — — אַלע גיבן זיך אַ שליידער אויף די געלעגערס. לאַנגע פּויזע.)

ל ע ו י נ ע

(הויבט אויף דעם קאָפּ)

חברים, זייט גרייט.

י אָ ס ע ף

איר מיינט דאָס אויף אַן אמת?

ל ע ו י נ ע

פאַרלירט נישט קיין צייט.

י אָ ס ע ף

איך פּראָטעסטיר.

ל ע ו י נ ע

איך זאָג נאָכאַמאָל: זייט גרייט. די קייטן פון די פיס האָט איר פונאַנדערגעקלאַפּט? טוט זיי אויס. אַ לייטער פון שטריק האָבן מיר. נאַכט איז פינצטער. מען וועט אונז נישט באַמערקן. מוט און ווילן.

ס אַ ל אָ מ אָ ן

מען וועט אונז כאַפּן.

ל ע ו י נ ע

אויב נישט איצט איז פאַרפאַלן. דער טונעל וועט אויפגעדעקט ווערן. צום לעצטן מאָל זאָג איך אייך. (ער שלעפּט אַראָפּ פון זיינע פיס די קייטן און לאָזט זיך אַרונטער פון דער נאַרע.)

ג ר י ג אָ ר י

דו לאָזט מיך איבער.

לעווינע

נעם צונויף אַלע דיינע כּוחות, גריגאָרי.

גריגאָרי

איך קען נישט.

לעווינע

(העלפט גריגאָרין אויפהויבן זיך)

קום, גריגאָרי.

פּרץ

איך גיי מיט אייך!

זינגער

איך גיי אויך. (זיי העלפן גריגאָרין אַרונטערגיין — ן דער נאַרע, אָבער יענער פאַלט אַוועק צוריק.)

גריגאָרי

כ'האָב נישט קיין כּוח. נעמט מיך, טראָגט מיך.

לעווינע

אָבער דאָס איז דאָך נישט מעגלעך. (לעווינע, זינגער און פּרץ פּרובירן נאָכאַמאָל שלעפּן גריגאָרין. זעען, אַז עס איז אומזיסט, לאָזן זיי אים אָפּ און פאַרשווינדן אונטער דער נאַרע. גריגאָרי פאַלט אַרויס און בלייבט ליגן אויפן דיל.)

סאַלאָמאָן

איך וועל דאָ נישט בלייבן. (אויך אָפּ אונטער דער נאַרע.)

יאָסעף

(פאַלט צו צו גריגאָרין)

קום, איך וועל דיך נעמען, קום. — איך קען אויך נישט אי־בערבלייבן. ס'ציט, ס'רופט. (גריגאָרי קלאַמערט זיך איין אין אים)

גריגאָרי

דו ביסט אַ טייערער, יאָסעף. זיי האָבן מיך איבערגעלאָזט, דו וועסט מיך מיטנעמען.

יאָסעף

נו, שטעל זיך אויף, שנעלער. (הויבט אים אויף, פירט אים צו צום פלאַץ וו מען דאַרף אונטערקריכן. קריכט פריער אליין

אונטער און ציט פאר די הענט גריגאָרין. גריגאָרי האלט ווידער נישט אויס)

גריגאָרי

איך פאַל, איך פאַל.

יאָסעף

(פון אונטן)

שנעל, שנעל. — נו, וואָס זאָל איך טאָן? — — זיי געזונט. (פארשווינדט.)

(גריגאָרי שטייט אויף די קני מיטן קאָפּ צוגעוואָרפן צו דער נארע אין פולער אָנמאכט. זיידע לעבן אים ברעכט מיט די הענט. קאָטערזניקאָוו און זאזולי טוליען זיך אין זייערע געלעגערס.)

פעטער

(איז די גאנצע צייט געשטאנען אן אָפּגעזונדערטער. ער האלט נישט אויס און לאָזט זיך אויך מיט האסט צום פלאץ פון אנטלופונג. נוקי שפרינגט אים אויף אנטקעגן.)

נוקי

וווהין?

פעטער

לאָז מיך.

נוקי

דו אויך? דאָ זיי! מיט מיר זיי. איך האָב דיך ליב.

פעטער

ביסט משוגע.

נוקי

(כאפט אים ארום פעסט ביי די אקסלען מיט אזא פוח, אז פעטער פאלט צוזאמען)

איך בין נוקי. איך ווייס אַסך. דו טאָרסט נישט גיין. איך ווייס דעם אמת וועגן אַלץ. — — שאַ, דער שמיד שמידט עמיצן. הערסט, דער האַמער קלאַפּט. — — — ווי זיס דער האַמער קלאַפּט. אייביק, אייביק שמידט דער שמיד. דער זעלבער שמיד. — (צום זיידן) זיידע, וואָס טרייסלט איר

זיך אַזוי? לאָזט אַרויס די טאָרבע פון אייערע הענט מיט אייערע שטיוול און מיטן צוקערל. גיט עס אַהער.

זיידע

כ׳האָב מורא, זונעלע, כ׳האָב מורא פאַר דיר. שווייג, זונעלע, שווייג. — און מיין טאָרבע טשעפע נישט.

פעטער

(ברעכט אויס אין א געוויין)

נוקי

כליפע נישט, פעטער, כליפע נישט. זיי האָבן אונז פאַרלאָזן, פאַרראַטן, אָבער מען טאָר נישט וויינען. הערסט, פעטער? הערסט ווי דער שמיד קאָוועט? הער וואָס איך וועל דיר זאָגן:

ווי אַ קוש פון אַ פאַרעטער, ווי דאָס געוויין פון הענקער,
אַזוי איז היינט פינצטער די נאַכט,
און איך בין דער איינער וואָס לאַכט,
און איך בין דער איינער וואָס וואַכט — — —

(פון הויף דערטראָגט זיך א פייפעריי און א שיסעריי.)

נוקי

סלו—שאַ—!

(פאָרהאַנג)

צווייטער אַקט

(האַלבער טאָג. די זון קריכט אַדורך דורך די פענצטער־לעך. אַלע פּאַליטישע, אַחוץ פּעטערן, ליגן אויסגעצויגענע אויף דער נאַקעטער נאַרע. די געלעגערס זענען צונױפגענומען געוואָרן. עס זענען זיך נאָר דריי געלעגערס אויף דער נאַרע פון זאַזולי, קאָװערזניקאָװ און דעם זיידן. דער קאַסטאַר פון הונגער־שטרייק הענגט איבער אַלע אויסגעצויגענע גופים. פּעטער ליגט איינער אַליין אויפן דיל. נוקי, ווי פריער, אונטער דער נאַרע. ווען דער פאָרהאַנג עפנט זיך, געפינט זיך אין קאַמער דרוזשינין אין באַגלייטונג פון װעכטער און טורמע־דאָקטאָר. די דריי קרימינעלע שטייען ביים װאַנט אויסגעצויגענע, די הענט אַרונטער.)

דרוזשינין

אַלץ וואָס איך דאַרף וויסן, דאָקטאָר, איז: צי קען מען זיי נאָך לאָזן ליגן אין זייער הונגער־שטרייק, אָדער מען דאַרף זיי שוין אָנהייבן שפּייזן מיט געוואַלד?

לעווינע

(װעצט זיך אויף)

מיר וועלן זיך נישט לאָזן. מיר וועלן הונגערן אַזוי לאַנג, ביז איר וועט נישט אַרונטערנעמען אַלע שטראָפן און נישט נאָכגעבן אונזערע פאָדערונגען.

דרוזשינין

איך גיב קיינמאָל נישט נאָך

לעווינע

וועלן מיר אָט אַזוי־אָ ליגן.

דרוזשינין

דאָס וועלן מיר נאָך זען.

לעווינע

חברים, האַלט וואַך אייער באַוווסטזיין, שטרענגט אָן אייער ווילן.

סאַלאָמאָן

(אין קאַשמאַר)

ווער איז דאָ? ווער דרייט זיך איבערן קאָפּ?

לעווינע

מען וויל אונז שפּייזן מיט געוואַלד, חברים. — האַלט זיך וואַך.

גריגאָרי

ביזן לעצטן אָטעם.

לעווינע

גריגאָרי. (גריגאָרי ענטפערט נישט) גריגאָרי, רעד צו מיר. ווילסטו טאָקע נישט רעדן צו מיר? (ציט זיך אויס צוריק)

דאָקטאָר

(גייט פון איינעם צו איינעם, קוקט אלעמען אריין אין פּנים. שטעלט זיך אָפּ לעבן גריגאָרי, באטראַכט אים לענגער, נעמט אים אָן ביי א האנט.)

גריגאָרי

(שפּרינגט אויף און פאַלט אוועק צוריק)

ריר זיך נישט צו צו מיר.

דרוזשינין

(צום דאָקטאָר)

שפּייזן אים מיט געוואַלד!

גריגאָרי

כ'וועל יענעם דעם גאָרגל איבערבייסן, ווער עס וועט זיך צו רירן צו מיר

דאָקטאָר

(אָפּ פון גריגאָרין. בייגט זיך איין, שלעפּט ארויס פאר די פיס נוקין פון אונטער דער נארע. נוקי ציגט אויסגעצויגן ווי א שטיק האָלץ. צו דרוזשינינען)

מינטערן אים?

ד ר ו ז ש י נ י ן

מינטערט. איך דאַרף לעבעדיקע אַרעסטאַנטן, נישט קיין טויטע.
(צו א וועכטער) דערלאַנג וואַסער. (וועכטער דערלאַנגט)

ד אָ ק ט אָ ר

(שפּריצט וואַסער אויף נוקין. נוקי קומט צו זיך, עפנט אויף די אויגן, זעצט זיך האַלב אויף.)

נ ו ק י

אוי, ס'אַראַ ליכטיקייט מיטאַמאָל! אוי, ווער איז דאָ?

ד אָ ק ט אָ ר

פונדעסטוועגן גיט אַ טראַכט, אייער הויכגעבורט. אַלע גאָלד-גרעבער פון ראַיאָן אַרום זענען אַרויס אין שטרייק, און גאַנץ רוסלאַנד קאָכט ווי אַ קעסל.

ד ר ו ז ש י נ י ן

האָט דער שטרייק פון די גאָלדגרעבער צו טאָן מיט זיי?

ד אָ ק ט אָ ר

מעגלעך. איין חברה. און מען ווייסט אַלצדינג וואָס דאָ טוט זיך. זייער הונגער-שטרייק האָט אויפגערודערט גאַנץ סיביר.

ד ר ו ז ש י נ י ן

מיר האָט נאָך קיינער נישט אָפּגעשראָקן.

ד אָ ק ט אָ ר

אַ צו ריזיקאַלע שפּיל.

ד ר ו ז ש י נ י ן

איך האָב ליב צו שפּילן ביזן סוף.

ד אָ ק ט אָ ר

איך האָב אייך געזאָגט מיין מיינונג. ווייטער טוט, ווי אייך געפעלט.

ד ר ו ז ש י נ י ן

נו, גוט. מירן וואַרטן ביז מאָרגן.

ז אַ ז ו ל י

אייער הויכגעבורט.

ד ר ו ז ש י נ י ן

וואָס איז?

זאזולי

נעמט אונז צו פון דאַנען.

קאַווערזניקאָוו

מיר אויך, אייער הויכגעבורט

דרוזשינין

פאַרוואָס?

זיידע

מיר קענען נישט צוקוקן, אייער הויכגעבורט. מירן גאָט בעטן פאַר דיר.

דרוזשינין

איר קענט נישט? מערזאַווצעס. איך האָב אייך באַדאַרפט פאַר שמייסן, מערזאַווצעס. איר האָט געוווסט, אַז זיי גראָבן אַ טו־נעל, און איר האָט מיר נישט דערציילט. קומט אייך נישט קיין שמיץ?

זאזולי

מיר דאַנקען אונטערטעניקסט דערפאַר, אייער הויכגעבורט.

דרוזשינין

איך האָב געהייסן אייך געבן גוטן עסן: זופּ און פלייש אַלע טאָג, איז אייך שלעכט גאָך?

קאַווערזניקאָוו

עס עסט זיך נישט, אייער הויכגעבורט.

זיידע

ליבינקער, טייערינקער, פאָטערל. אַז מיר קענען נישט צוקוקן.

דרוזשינין

שווייגט. מערזאַווצעס! (צו די העכטער) מען זאָל זיי געבן גרעסערע פּאָרציעס פלייש און פעטן זופּ. עס זאָל שמעקן אי־בער אַלע נאָזלעכער. (צו די דריי) און איר זאָלט מיר עסן, מערזאַווצעס. איך וועל אַליין קומען זען, צי איר עסט.

זיידע

(טרעט ארויס אויף אַ שפּאַן. פאַלט אויף די קני)

איך בין שוין אַלט, גנעדיקער. לאָז מיך נישט צוקוקן. כ׳קען נישט. כ׳קען נישט. אַז זיי שטאַרבן דאָך אַלע. גייען אויס.

ג'ב זיי נאָך, גיב זיי נאָך, טייערער.

דרוזשינין

אַזאַ גוטער ביסטו מיר, האַ?

זיידע

האָב רחמנות. איך וועל ביזן טויט גאָט בעטן פאַר דיר.

דרוזשינין

(צו די וועכטער)

נעמט אים אין קאַנצעלאַריע און באַווייזט אים רחמנות. (וועכטער נעמען דעם אַלטן. פּויזע) און ווו איז יענער, דער יונגינקער, דער בלאָנדינקער? אין קאַרצער נאָך? ברענגט אים אַריין. (אַפּ צוזאַמען מיטן דאָקטאָר און די איבעריקע וועכטער.

זאַזולי און קאָוערזניקאָוו קריכן אַרויף אויף זייערע געלעגערס.)

זאַזולי

אַזאַ פאַרשאָלטענער.

קאָוערזניקאָוו

אַ רחמנות אויפן אַלטן פונדעסטוועגן. זיי וועלן אים שלאָגן דאָרט.

זאַזולי

נו, נעם די קאָרטן. קורווע די מאַמע זיינע.

קאָוערזניקאָוו

איצט שפּילן?

זאַזולי

אַוודאי, אַוודאי. כ'האָב אַלץ פאַרשפּילט ביי דיר.

קאָוערזניקאָוו

נו, וואָס שטעלסטו אין קאָן?

זאַזולי

איך שפּיל אויף דעם זיידנס זעקעלע צוקער. איינמאָל פאַר אַלע מאָל. כ'וועל עס צונעמען ביי אים.

קאָוערזניקאָוו

אויב נעמען — נעם. און אַז דו וועסט פאַרלירן וועט עס זיין מיינס. איך וועל מיט דעם אַלטן זיך נישט טענהן.

זאַזולי

(נעמט דעם אַלטנס זעקל, בינדט פונאַנדער, נעמט אַרויס פון דאָרט דאָס זעקעלע צוקער, פאַרבינדט צוריק דעם זאַק, לייגט אים אַוועק אויפן פריערדיקן פּלאַץ.)

קאָוועדזניקאָוו

אָט אַזוי־אָ. אָט אַזוי. וואָס זאָל ליגן אַ זעקעלע צוקער און שימלען!

זאַזולי

און אַז איך וועל פאַרשפּילן דעם צוקער, שטעל איך אין קאָן מיין געלעגער מיט דעם קישן און קאָלדרע צוזאַמען.

קאָוועדזניקאָוו

אַז דו וועסט פאַרשפּילן וועל איך עס צונעמען, זאָלסטו וויסן זיין. איך וועל שלאָפן אויף צוויי מאַטראַצן, און דו אויף דער הוילער נאַרע. וועל קיין רחמנות נישט האָבן.

זאַזולי

רחמנות? נישט געווען נאָך דער, ביי וועמען איך זאָל בעטן רחמנות. אין זיינע צייין אַריין. אין זיין מאַרך אַריין און אין זיינע הינטישע אויגן אַריין. איך קען אַפילו שטעלן זיך אַליין אין קאָן.

קאָוועדזניקאָוו

אָט אַזוי האָב איך ליב. וועסט פאַרשפּילן, וועסטו מיר דאַרפן קראַצן די פּיאַטקעס און לויזן מיר מיין העמד, און רייניקן פאַר מיר די קאַמער.

זאַזולי

שפּיל, אַ כאָליערע. (שפּילן. לאַנגע פּויזע)

לעווינע

(קריכט לאַנגזאַם אַרונטער פון דער נאַרע. באַקוקט אַלע ליגנדיקע חברים. גייט צו צו גריגאָרין, שטעלט זיך לעבן אים האַלב געקניט)

גריגאָרי, איך פרעג דיך.

גריגאָרי

(ליגנדיק)

צו וואָס דאַרפסטו מיין פאַרגעבונג, לעווינע?

לעווינע

ווייל ס'איז מאָדנע.

גריגאָרי

איך וויל פֿאַרגעבן און איך קען עפּעס נישט.

לעווינע

נו, קען. שוין דריי מאָל, אַז איך בעט עס ביי דיר.

גריגאָרי

אָ, פֿייניק נישט.

לעווינע

נו, נו, זאָל זיין. (קערט זיך אום אויף זיין פּלאַץ און גייענדיק פֿאַרטשעפּעט ער זיך אָן פּעטערן, וועלכער ליגט אויף דער ערד אויפֿן מיטן פֿון קאַמער.)

פּעטער

(הויבט זיך אויף מיט אויסגעשטרעקטע הענט)

לעווינע.

לעווינע

(קוקט אָן דורכדרינגלעך פּעטערן, טראַכט א היפּשע ווײַלע. ענטפֿערט נישט פּעטערן, קערט זיך אָפּ פֿון אים און לייגט זיך אַוועק צוריק אויף זיין פּלאַץ.)

פּעטער

(צו נוקין)

רייד דו כאָטש מיט מיר.

נוקי

(קריכט צו צו פּעטערן)

פֿאַרוואָס זאָל איך נישט רעדן מיט דיר, ברודערקע?

פּעטער

אָט זיי אַלע רעדן נישט מיט מיר. באָיקאָטירן מיך. האָבן מיך פֿאַרשאָלטן. איך הונגער דאָך מיט אַלעמען גלייך.

נוקי

האָסט נישט געטאָן קיין שלעכטס.

פּעטער

כ'האָב געטאָן. געטאָן, אָבער מען דאַרף מוחל זיין. שטאַרב

איך נישט מיט אַלעמען גלייך?

נוקי

נישטאָ קיין שלעכטס. האָסט עס אויסגעטראַכט אַליין, ברודערל. וואָס פאַר אַ שלעכטס קענען מיר דאָ טון? (נעמט אים ארום אַרום האַלז) ביסט אַ ריינער, אַן ערלעכער. האָסט מיך ליב, פעטער?

פעטער

יאָ, נוקי.

נוקי

איך האָב אַלעמען ליב. אַלעמען. איך וועל דיר עפּעס דער־ציילן. איך האָב אַסך, אַסך געחלומט ליגנדיק אונטער דער נאַרע. פאַרשטייסט, דו מיינסט, אַז איך ווייס נישט וואָס דאָ האָט זיך געטון און וואָס דו האָסט געטון? פאַרשטייסט, ביסט דאָך אַ פאַררעטער.

פעטער

דו אויך?

נוקי

נו, זיי נישט טרויעריק. פאַרשטייסט, איך ליג מיטן פּנים צום וואַנט אונטער דער נאַרע אין גאָלע פינצטערניש, און איך ווייס אַלץ, אָבער איך וויל נישט וויסן. דו הערסט, ברודערקע, איך וויל נישט וויסן. איך וויל נישט וויסן. — — — אין יענער נאַכט, ווען זיי זענען געקראָכן צום טונעל, זענען זיי געקראָכן איבער מיר. פאַרשטייסט — איבער מיר. לעווינע האָט מיר מיטן פוס געטראָפן איבערן פּנים, און יאָסעף האָט מיך מיטן שפּיץ פון שוך דערלאַנגט אין ברוסט. אַזוי ווי איך וואָלט גע־ווען אַ טויטע זאַך. פאַרשטייסט, אפשר בין איך טאַקע אַ טויטע זאַך? — — וואָס איז אַזוינס אַ געזיכט? — פליייש. און וואָס איז אַ מענטש? — אַפּאַר קייטן. פאַרשטייסט, דער צדיק מעג, ווייל ער איז צדיק. דעם צדיקס וועג דאַרף זיין אַ פרייער, און אַז דו פּלאָנטערסט זיך צווישן די פיס דערלאַנגט מען דיר איבערן פּנים. פאַרשטייסט, אַלע ווילן פרייהייט. אָבער איך נישט, איך נישט: איך וויל נישט קיין פרייהייט.

פעטער

כ'הער דיך דאָס ערשטע מאָל אַזוי רעדן.

נוקי

האָסט געהערט ווי גריגאָרי האָט געיאָמערט אין יענער נאַכט? אוי, האָט ער געיאָמערט! און ווען מען האָט זיי אַריינגעבראַכט אַלעמען צוריק צעבלוטיקטע האָט ער זיי געוואַשן דאָס בלוט פון די פּנימער. פאַרשטייסט? (קלאַנג פון האַמער) דו הערסט, ווי דער שמיד שמידט? דו הערסט? נאָכאַנאַנד. נאָכאַנאַנד. ער הערט נישט אויף צו שמידן. — — (פאַלט מיטן פּנים צו דער ערד.)

פעטער

וואָס איז מיט דיר?

נוקי

(האַלב פאַרחלשט)

אַדיע, פעטער. דער טויט קומט. — דאָרטן, אונטער דער נאָרע. שטאַרבן וויל איך אונטער דער נאָרע. אַליין. — — אַדיע, פעטער. (קריכט אַהעק אונטער דער נאָרע, פאַרשווינדט.)

זאַזולי

גיב אַהער דיין מאַטראַץ, גיב אַהער דיין געלעגער. האָסט פאַרשפּילט, האָסט פאַרשפּילט, קורווע די מאַמע.

קאָווערזניקאָוו

נו, נעם, נעם. אין דיין הינטישן טאַטן אַריין.

זאַזולי

איך קען דערווייזן צו שלאָפן אויף צוויי מאַטראַצן אויך. עס מעג מיר אָנשטיין, און דיר אויך. גיב עס אַהער. (שלעפּט קאָווערזניקאָוס מאַטראַץ, לייגט אים אַרויף אויף זיינעם. ציט זיך אויס אויפן אָנגעשטאָפּלענעם געלעגער מיט אַזאַ מין צופרידענעם אָנשטעל) אַט, קוק ווי איך ליג מיר ווי אַ גראַף. און דו — אויף נאַקעטן.

קאָווערזניקאָוו

ווערסט מיך מיט דעם נישט איבערשרעקן.

זאַזולי

אַ מחיה, ווייך. (העכטער קומט אַריין)

וועלטער

העי, אויף שפּאַציר!

זאַזולי

ס'איז קאַלט. אַ פראָסט.

וועלטער

נישט גערעדט. געגאַנגען זאָל זיין. (אָפּ מיט די צוויי.)

פּעטער

(זעצט זיך אויף)

איז שוין גאָרנישטאָ קיין רחמים? (ער שמעלט זיך אויף. בלאָנדזשעט מיט די אויגן איבער אַלע חברים, וואָס ליגן אויסגעצויגן. שפּאַנט צו צו לעווינע.) חבר לעווינע. (לעווינע ענטפערט נישט.) געגנוג מיך צו פייניקן. (רופט) חבר לעווינע!

לעווינע

(ענטפערט נישט. הויבט אויף דעם קאָפּ, קוקט אויף פּעטערן און טוט אַ שלײַדער דעם קאָפּ אויף צוריק.)

פּעטער

(גייט צו צו גריגאָרין)

גריגאָרי, ס'איז איבער מיינע כּוחות. זיי מוחל כאָטש דו.

גריגאָרי

פאַרראַט איז שווער צו מוחל זיין.

פּעטער

האָבן דען אַלע דיך נישט פאַרראַטן? אויף הפקר דיך איבער געלאָזט ביים אַנטלויפן?

גריגאָרי

דערמאָן נישט.

פּעטער

און איצט הונגערסטו אין פראָטעסט, פאַרוואָס מען האָט געשטראָפירט די, וואָס האָבן דיך איבערגעלאָזט אויף הפקר.

גריגאָרי

איך טו מיין חוב פון אַ רעוואָלוציאָנער.

פּעטער

איך ווער צעפייניקט.

ג ר י ג אָ ר י

איז גוט אַזוי. טוסט אויך דיין חוב.

ז י נ ג ע ר

רעד נישט צו אים.

פ ע ט ע ר

נו, גוט, רעד נישט צו מיר. איך האָב געזען, ווי יאָסעף האָט דיך געשלעפּט. יאָסעף, — וואָס האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן אין איין מוסרן אַלעמען, האָט אַליין ביי דער לעצטער מינוט דיך אָפּגעוואָרפן פון זיך.

י אָ ס ע ף

(שפּרינגט אויף)

ס'איז אמת, איך בין עקלהאַפט!

ג ר י ג אָ ר י

טענהט נישט. רייצט נישט די ווונדן.

פ ע ט ע ר

(אין זיין טאָן)

ווען מען האָט באַדאַרפט ראַטעווען זיך פון קאַרצער, כדי מען זאָל נישט פאַרלירן די מעגלעכקייט צו אַנטלויפן, האָט מען באַדאַי דניאלן געלאָזט אין קאַרצער גיין, און דיך האָט מען אַ קראַנקן געצווונגען אויפשטעלן זיך פאַר דרוזשינינען.

ג ר י ג אָ ר י

(מיט אַ געוואַלדיקן אימפּעט שפּרינגט ער אַראָפּ פון דער נאַרע. צו פּעטערן מיט אויפגעהויבענע פויסטן)

ווילסט מיך אויפהעצן? (לויפט אויך צו יאָסעפן) און דו? וואָס קרעכצסטו? האָסט זיך באַגאַנגען מיאוס מיט מיר. — טאָ שווייג. (צו פּעטערן) אויך דו שווייג! אַז נישט — וועל איך — — — איך בין נישט קיין גוטער. ניין. איך טו נאָר מיין חוב. און שטאַרבן וויל איך געלאַסן און רויק. — — איר האָט פאַרראַטן מיך, ד ע ם מ ע נ ט ש ן! — האָט איר באַדאַרפט פאַרראַטן? אויב איר האָט באַדאַרפט — איז גוט. טאָ ק ו ק ט מ י ר ג ל ײ ך א י ן ד י א ו י ג ן. און אויב איר קענט מיר נישט קוקן גלייך אין די אויגן, ווייל איך נישט ליגן מער לעבן אייך. מיין פּלאַץ איז

אויף דער ערד. אָט דאָ, אויפן דיל. (זעצט זיך ארונטער אויף דער ערד.)

לעווינע

(ארונטער פון דער נארע, גייט צו צו גריגאָרין, לייגט אים ארויף זיינע הענט אויף די אקסלען)

שטיי אויף. לייג זיך צוריק אויף דיין פלאץ

גריגאָרי

לאָז מיך.

לעווינע

איך זאָג דיר: שטיי אויף! — — דו זעסט, איך קוק דיר גלייך אין די אויגן.

גריגאָרי

(שמעלט זיך אויף)

ווער ביסטו? ביסט אַ מאָדנער. ביסט אַ שרעקלעכער.

יאָסעף

(שפרינגט-צו האסטיק צו לעווינען, קוקט אים מיט שנאה אין די אויגן)

און איך האַס דיך!

לעווינע

ווייל דו ביסט חרוב.

יאָסעף

בעסער חרוב זיין, איידער געמיין.

לעווינע

וואָס?

יאָסעף

איך בין געמיין, איך, — — אי חרוב, אי געמיין. דו ביסט ריין. דו ביסט צדיק. דו קוקסט גלייך אין די אויגן פון דעם וואָס דו האָסט מקריב געווען. איך פאַל פונאַנדער. איך גיי אונטער, אונטער, אונטער. (שארט זיך אוועק צו זיין פלאץ און פאלט אַנידער)

לעווינע

(נעמט אונטער די אָרעמס גריגאָרין, לייגט אים אוועק אויף

(דער נאַרע. גלעט אים די הענט און רעדט ווייך)

נו ליג, גריגאָרי. איך וועל זיצן לעבן דיר. (ציט זיך אויס לעבן גריגאָרין. גריגאָרי בליפעט)

פעטער

(שפאַנט צו צו זינגערן, וועלכער ליגט לעבן זאַזולים געלע-גער מיטן קאָפּ צוגעטוליעט צו זאַזולים טאָרבע)

זינגער, דו ביסט געווען דער ערשטער צו באַיקאָטירן מיך. דו האָסט מיך אַראָפּגעטריבן פון דער נאַרע. מיר זענען געווען צוויי בעסטע חברים, און דו האָסט מיך אַזוי גרינג אָפּגעוואָרפן פון זיך. זינגער, קוק אויף מיר.

זינגער

(באַוועגט זיך נישט)

פעטער

(קריכט אַרויף אויף דער נאַרע און קוקט מיט אויפמערק-זאַמקייט אויף זינגערס קאָפּ, וואָס איז איינגעגראָבן אין זאַ-זולים מאַטראַץ. ער ווערט דערשטוינט, דערזעענדיק ווי זינ-גער קיים עפּעס. גיט אַ ציטער מיטן גאַנצן גוף)

וואָס טוסטו? ברויט?

זינגער

(הייבט אויף דעם קאָפּ אין גרויס שרעק, טוט אַ באַפּ פעטערן פאַר די פיס, ציט אים צו זיך און פליסטערט)

ש, ש, שווייג. נעם נישט קיין נקמה.

פעטער

איך וועל נעמען. איך וועל אויסשרייען — פאַרראַט! ער עסט ברויט!

זינגער

שטיקט צו זיך פעטערן, לאָזט אים נישט עפענען דאָס מויל, פעטער ראַנגלט זיך, ביידע גופים ווערן צונויפגעקלאַמערט, גיבן זיך אַ שליידער אַראָפּ אויף דער ערד מיט אַ קלאַפּ. אַלע שפּרינגען אויף.)

לעווינע

(נעמט פונאַנדער די צוויי גופים)

איר זענט משוגע געוואָרן? (צו פעטערן) דו וואַגסט נאָך הויבן אַ האַנט? געשלעג פאַרפירן?

זינגער

(מיט קלאַפּנדיקע ציין)

ניין, ניין. ער האָט נישט געהויבן די האַנט אויף מיר. באַרויקט אייך. באַרויקט אייך. ס'איז נישט קיין געשלעג.

פעטער

(מיט אויפגעבײַלטע הענט)

ס'איז יאָ אַ געשלעג! ס'איז יאָ! וווּ איז סאַלאָמאָן? זאָל סאַלאָמאָן אויפמאָנען דאָס בלוט, וואָס איז פאַרצאַפּט געוואָרן פון אים פאַרן שטיקל שאָקאָלאַד. סאַלאָמאָן, מאָן אויף, מאָן אויף!

סאַלאָמאָן

(פון דער נאַרע)

וואָס טוט זיך דאָ? וואָס ווילט מען פון מיר?

פעטער

(צו זינגערן)

דו האָסט מיך פאַרשאָלטן, פאַרשטויסן. דו האָסט מיר מײַן לעבן פאַרוואַנדלט אין אַ גיהנום, — דו, דו. און איצט — — ניין, כ'וועל נישט נעמען קיין נקמה, דײַנע אויגן זענען צו שרעקלעך. (פאַלט מיטן פּנים צום דיל און זײַן גאַנצער קערפּער קאָנווולסירט)

לעווינע

וואָס איז דאָ געווען, זינגער?

זינגער

גאָרנישט. גאָרנישט. (גיט אויך אַ פאַל מיטן פּנים אַראָפּ אויף דער נאַרע. אַלע צעלייגן זיך. פּויזע)

סאַלאָמאָן

פאַרוואָס אַזאַ טומל? דער טויט רוקט זיך שטיל. עפנט פאַר אים די טירן, לאָזט אים אַרײַן, — — זעט, ס'אַראַ ווײַסע הענט בײַ מיר. ס'אַראַ בלײַכע. און די פינגער בייגן זיך נישט. מײַנע פינגער שטאַרבן.

(עס עפנט זיך די טיר און דער וועכטער פירט אַרײַן דניאלן)

ד נ י א ל

(אַ צעפּליקטער, אַ פאַרשמירטער, מיט אַן אָפן ברוסט, קוים וואָס ער האַלט זיך אויף די פיס. די קיטן שלעפּן זיך אים נאָך. די אויגן האַלב-בלינד. וועכטער אָפּ. דניאל שטייט מבולבל, דערזעענדיק דאָס בילד פון קאַמער. נעמט אַרום דעם קאָפּ מיט ביידע הענט.)

ל ע ווי נ ע

(מיט אויסגעשטרעקטע הענט צו דניאלן)

דאַניליק!

ד נ י א ל

איר הונגערט, הייסט עס.

ל ע ווי נ ע

זיבן מעת-לעת שוין.

ד נ י א ל

(קלאַפּט מיט די הענט איבערן קאָפּ)

און איך בין מיר געזעסן אין קאַרצער און נישט געוווּסט פון קיין זאַך, און געגעסן דאָס ברויט מיט וואַסער.

ל ע ווי נ ע

עס מאַכט נישט, דאַניליק.

ד נ י א ל

עס מאַכט שוין יאָ.

ל ע ווי נ ע

(נעמט אים אָן פאַר די הענט)

איר זענט דאָך נישט אין כּעס אויף מיר, דניאל?

ד נ י א ל

פאַרוואָס זאָל איך זיין אין כּעס אויף אייך?

ל ע ווי נ ע

איך האָב אייך געלאָזט גיין אין קאַרצער.

ד נ י א ל

אָ, רעדט נישט אַזוי.

ל ע ווי נ ע

איך האָב דאָך באַדאַרפט גיין.

דניאל

עס פרייט מיך, וואָס איך בין געגאַנגען פאַר אייך.

לעווינע

קאַלט דאָרטן?

דניאל

די פיס זענען מיר אָפּגעפרוירן.

לעווינע

קומט אַהער, דאַניליק. וויקלט איין אייערע פיס אין מיין כאַלאַט. (זעצט אים לעבן זיך און וויקלט אים איין די פיס.) עס ווייעט פון אייך מיט אַזאַ ריינקייט און קינדישקייט.

דניאל

איר פאַרשעמט מיך.

לעווינע

יאָסעף זאָגט, אַז מיר אַלע זענען שוין אומריין און פאַרדאָרבן. יאָסעף האָט מיך פיינט.

דניאל

(דערשטוינט)

אייך פיינט?

לעווינע

יאָ, מיך. אפשר דאַרף מען מיך טאַקע פיינט האָבן. — — און איר מיינט נאָך אַלץ, אַז מיר זענען ווער ווייסט וואָס פאַר אַ צדיקים, געטער אמתע.

דניאל

פאַרוואָס רעדט איר צו מיר אַזוי?

לעווינע

מעג איך דאָך אויך אַמאָל זיין אינטים, צי ניין? — דאָרט — דאָרט, אין לאַנד, טוט זיך עפּעס גרויסעס. איך שפיר עס מיט אַלע מיינע חושים. — — מיר האָבן געוואָלט מיט געוואַלד אַרויסרייסן זיך פון דאַנען, — נו, האָט נישט געגאָלטן. איצט גייען מיר לאַנגזאַם, לאַנגזאַם צום טויט. — — איר הערט ווי דער שמיד קלאַפּט מיט זיין האַמער? (פויזע) דאַניליק, מען דאַרף אַלץ

פאַרשטיין און קאַלט זיין, קאַלט ווי דער טויט וואָס קומט, ווי דעם שמידס האַמער איז קאַלט, אָט ווי איך בין קאַלט.

דניאל

איר זענט קאַלט?

לעווינע

יאָ, דאַניליק. יאָ, ליבער יינגל. לייגט זיך, רוט זיך אָפּ.

דניאל

איך וויל זיצן.

לעווינע

אייך קוקן אויס מאָדנע מיינע רייד? נו, פאַרשטייט — מיר זענען דאָך שוין האַלב־טויט. און איר זענט ערשט ביים אָנהויב. רעד איך צו אייך אָפן. — — אונזערע נעמען קלינגען איבערן לאַנד, ווערט שוין במילא ביי אַלעמען אַ פאַרשטעלונג, אַז מיר זענען נישט נאָר גרויסע רעוואָלוציאָנערן, נאָר אויך הייליקע.

דניאל

פאַרוואָס ווילט איר צעשטערן אין מיר די פאַרשטעלונג וועגן אייך?

לעווינע

איך מוז. די לעגענדע וועגן הייליקייט און גוטסקייט מוז מען צעשטערן. ס'איז אַ ליגן וועגן אונז. מיר זענען נישט קיין גוטע, דאַניליק. מיר זענען אפשר גאָר רשעים.

דניאל

הערט אויף אַזוי צו רעדן.

לעווינע

איר וועט אפשר בלייבן דער איינציקער נאָך אונז. זאָג איך אייך — גרייט אָן וואָס מער ווילן. צוויי זאַכן זענען דאָ אויף דער וועלט: טויט און ווילן.

דניאל

(באפרייט זיך פון אונטער זיינע הענט. גייט אַרונטער פון דער נאַרע)

אייערע רייד שרעקן מיך.

לעווינע

(ווי אַן אַלטער פויגל, וואָס פאַרצוקט אַ קלענערן)

פאַרוואָס זאָל עס אייך שרעקן? גרייט זיך אויף אַלץ. יעדע געלעגנהייט, וואָס איר קענט אויסנוצן צו אַרויסווייזן אייער ווילן, נוצט אויס. יעדע ענדערונג, וואָס איר קענט אַריינברענגען אין דעם פאַר גליווערטן סדר פון דער וועלט, ברענגט אַריין. גוטסקייט און צדקות האָט די וועלט געננוג. די וועלט דאַרף האָבן ענדערונג. מער גאָרנישט. און ענדערן די וועלט מוז מען, אַפילו ווען דער מענטש אַליין קען זיך נישט ענדערן. און אַפילו ווען מען דאַרף גיין איבער לעבנס פון באַקאַנטסטע. (ער שטעלט זיך אויף די קני.) דאַניליק, אויב איר קענט עפעס ענדערן אין דער וועלט אָט איצט־אָ און איר דאַרפט ברענגען מיך פאַר אַ קרבן — — —

דניאל

וואָס רעדט איר?

לעווינע

איך זאָג דאָך אייך, — אויב איר דאַרפט מיך ברענגען פאַר אַ קרבן — ברענגט.

דניאל

אָ, ניין, ניין.

לעווינע

און אויב איך וואָלט באַדאַרפט אייך ברענגען פאַר אַ קרבן — — —

דניאל

וואָלט איר געבראַכט?

לעווינע

יאָ.

וועכטער

(שליסט אויף די טיר, ברענגט אַריין אַ פּאַקעט ברויט און שרייט)

העי, דו פון קאַרצער, נעם דיין פּאַקעט.

דניאל

נעם עס צוריק. הונגער־שטרייק.

וועכטער

טו וואָס דו ווילסט. (לייגט אַוועק דאָס ברויט אויף דער נאַרע.)

לעווינע

מיין מיינונג איז, אַז איר דאַרפט נישט מיטהונגערן מיט אונז.

דניאל

(געפּלעפּט)

וואָס רעדט איר? איר וועט הונגערן און איך זאָל עסן!

לעווינע

ווען איר וואָלט געווען מיט אונז פון אָנהייב שטרייק — וואָלט אַנדערש געווען. אָבער איצט — נו, סאָלידאַריטעט, טיילן דעם גורל, און אַזוי ווייטער — ס'איז דאָך אָבער נישט מער ווי פּאָראַורטייל. ווייל — נוצלאָז. ס'איז דאָ אַ מאָמענט, ווען אַפילו אַ טאַטע מוז פירן צו דער עקדה זיין איינציקן זון, און עס איז דאָ אַ מאָמענט, ווען מען טאָר נישט מקריב זיין אַפילו אַ שווע-בעלע. ס'איז דאָ אַזאַ ליבשאַפט וואָס מען דאַרף זי נישט. — — נעמט דעם פּאַיאָק און עסט.

דניאל

נישט אַנדערש, אַז איר פּרובירט מיך אויס.

לעווינע

איך האָב אייך ליב. (מיט אַ באַפעלנדיקן קול) איך באַשטיי איר זאָלט עסן. איר הערט וואָס איך זאָג אייך: איך באַשטיי!

דניאל

(רוקט זיך אָפּ פון אים מיט שרעק)

איך האָב מורא פאַר אייך. עס ווערט מיר קאַלט אין אַלע גלידער.

לעווינע

(מיט אויסגעשטרעקטע הענט)

ס'איז נאָך גאָרנישט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט, — אַז אָט ווי מיר גרייטן זיך צום שטאַרבן זאָל מיטאַמאָל אַ בראָך טון זיך די טורמע. און עס זאָל קומען די פרייהייט. — — האַ, דאַ-ניליק, וואָס וואָלט איר געזאָגט דערויף, האַ? — — אָט קומען מיר אַרויס און נעמען איבער גאַנץ סיביר אין אונזערע הענט.

— האַ? וואָס וואָלט איר געזאָגט דערויף? — — וואָס שטייט איר און פיבערט?

דניאל

(האָט פלוצלינג עפּעס באַמערקט אויף פּעטערן, וועלכער ליגט אויפן דיל. ער נעמט שרייען)

בלוט! פּעטער ליגט אין בלוט! (בייגט זיך איין איבער אים, נעמט אים פאַר די הענט) אוי, ער האָט זיך איבערגעשניטן די אָדערן פון די הענט? (אַלע שפּרינגען אַראָפּ פון דער נאַרע.)

לעווינע

(לויפט צו דער ערשטער צו פּעטערן)

פּעטער, פּעטער!

דניאל

נו, אָט האָט איר שוין אַ קרבן.

פּעטער

זייט מיר מוחל.

לעווינע

מיר זענען אייך מוחל. פאַרבינדט אים די הענט. (מען פאַרבינדט אים די הענט מיט אַ פונאַנדערגעריסענעם האַנטעך, מען טראָגט אים אַרויף אויף דער נאַרע. אַלע אַרום אים.)

פּעטער

נו, אָט ליג איך צוריק מיט אייך אויף דער נאַרע. גיט עס נישט איבער אין קאַנטאָר. זאָל דרוזשינין נישט וויסן. זייט נישט אין כּעס אויף מיר.

(עס קומען אַריין קאָווערזניקאָוו און זאַזולי מיט אַ קעסעלע געקעכץ אין די הענט, שטעלן עס אַוועק אויף דער נאַרע לעבן זייערע געלעגערס. עס שלאָגט אַ פּאַרע און דער ריח פון פלייש צעטראָגט זיך איבערן קאַמער, אַלע הונגער-שטריי-קער באַהאַלטן זייערע פּנימער אַרונטער. זאַזולי און קאָ-ווערזניקאָוו נעמען אַרויס ברויט, גרייטן זיך צו עסן און קענען עפּעס נישט אָנהייבן)

זאַזולי

וואָס וואַרטסטו? צעשנייד דאָס פלייש.

קאָווערזניקאָוו

גו, שנייד.

זאַזולי

אַוודאי, מען דאַרף עסן.

קאָווערזניקאָוו

מיר קענען גאָרנישט העלפן.

זאַזולי

וואָס קענען מיר טון?

קאָווערזניקאָוו

(גיט אַ שלײדער מיטן לעפל אָן דיל)

אין דר׳ערד אַריין מיטן פלייש מיט אַלץ מיטאַנאַנדער. אין די געדערים, אין די קישקעס, אין האַלז אַריין!

זאַזולי

(פלוצלינג)

זע, מיין זעקל איז אָפן. און מיין ברויט איז אָנגעביסן — ווער האָט עס געקאָנט עסן פון מיין ברויט?

קאָווערזניקאָוו

טאַקע מאָדנע. זע, בלוט אויפן דיל.

זאַזולי

ס׳איז שרעקלעך, ברודערקע.

(ס׳קומט אַריין דרוזשינין מיט די פריערדיקע וועכטער.)

וועכטער

סמירנאָ!

(זאַזולי און קאָווערזניקאָוו ציען זיך אויס פאַר דרוזשינינען.)

דרוזשינין

נישט געגעסן נאָך, מערזאַווצעס?

זאַזולי

אָט עסן מיר, אייער הויכגעבורט.

דרוזשינין

געשמאַק פלייש?

קאָווערזניקאָוו

זייער געשמאַק, אייער הויכגעבורט.

ד ר ו ז ש י נ י ן

איך וויל זען ווי איר עסט. וואָס פֿאַררוקט איר דאָס שיסל? עסט מען זאָל הערן, זופּט שטאַרק, מערזאַוועצעס. שטאַרק. (זאָג איך?

ז אַ ז ו ל י

מיר זופּן, אייער הויכגעבוירט.

ד ר ו ז ש י נ י ן

מען זאָל הערן פֿונדאַנען. איצט בין איך אויפֿגעלייגט, — אַז נישט, וואָלט איך מיט מיין אייגענער האַנט אייך אַריינגעציילט צו פֿינף און צוואַנציק שטיק, ווי נישט לאַנג דעם אַלטינקן. (צו אַ וועכטער) און ווו איז דער אַלטינקער? אין קאַרצער? גענוג פֿאַר אים די שמיץ, וואָס ער האָט געקראָגן. ברענגט אים אַריין. איך בין גוט אויפֿגעלייגט היינט. (אַ וועכטער אָפּ) עסט און זופּט און לעקט די ליפּן, און קנאַקט גוט מיט די ציינער. (צו זאַזולין דו ביסט דאָך מיר אַ טענצער, — וועסט פֿאַר מיר טאַנצן אַביסל.

ז אַ ז ו ל י

מיינע פֿיס זענען מיר געשוואָלן, אייער הויכגעבוירט.

ד ר ו ז ש י נ י ן

נישט גערעדט. (צו די וועכטער) ברענגט מיר אַריין אַ בענקל. (אַ וועכטער אײַלט און ברענגט אַריין אַ טאַבורעט, דרוזשינין זעצט זיך) עס געפֿעלט מיר ווי זיי ליגן. זאָל זיך קאָכן דאָס לאַנד וויפֿל עס וויל זיך — מיך וועט עס נישט אָפּשרעקן. די גאָלדגרעבער זענען אַרויס אין שטרייק, — דאָס געפֿעלט מיר אויך. מיר האָבן גענוג קאַמערן און גענוג קייטן פֿאַר אַלעמען. (שמעלט זיך אויף און באַטראַכט די ליגנדיקע) זיי שלאָפֿן? — מיר וועלן זיי דעם שלאָף איבעררייסן. (אַ וועכטער פֿירט אַריין דעם אַלטן, וועלכער האַלט זיך קוים אויף די פֿיס.) נו, וואָס מאַכסטו, אַלטינקער? זעסט, איך האָב געהייסן דיך אַרויסלאָזן פֿון קאַרצער.

ז י י ד ע

גאָט זאָל דיך בענטשן, הויכגעבוירט.

ד ר ו ז ש י נ י ן

גיט אים עסן, גיט אים זופּ. נעם, אַלטינקער, עס.

ז ײ ד ע

לאַנג לעבן זאָל דײַן הױלגעבורט. אָבער עסן װילט זיך נישט.

ד ר ו ז ש י נ י ן

עס, זאָג איך! גיט אים אַ לעפל. (דער אַלטער, מיט ציטערדיקע הענט, נעמט עסן.)

ד ר ו ז ש י נ י ן

(צו זאַזולין)

טאַנץ פאַר מיר דײַן קייטן־טאַנץ. און טאַנץ גוט.

ז אַ ז ו ל י

(מיט געבעט)

אײַער הױלגעבורט.

ד ר ו ז ש י נ י ן

קײן װאָרט נישט מער.

ז אַ ז ו ל י

(געצװונגענערהײט הײבט ער אָן טאַנצן. יאָגט זיך איבערן דיל.)

ד ר ו ז ש י נ י ן

שטאַרקער! שטאַרקער! דו ביסט אַ גוטער טענצער, מערזאַװיעץ

ז אַ ז ו ל י

(גײט אַרײַן אין אַזאַרט, ברענגט אַרױס דורכן צוקלאַפּן מיט די קייטן אַ מאָדנעם ריטם, דעם גאַנצן שװידער פון געפאַנגשאַפט און בענקשאַפט נאָך פרײַהײט. דרוזשינין שמעלצט זיך פון נחת, קלאַפּט צו מיטן פוס און מיטן שװערד. אין דער אָפענער טיר קלײַבן זיך אױף אַלע װעכטער.)

ל ע װ י נ ע .

(הײבט זיך אױף מיט געשרײ)

אױפהערן טאַנצן!

ד ר ו ז ש י נ י ן

(שפּרינגט־אױף)

דו װאַגסט!

ל ע ו י נ ע

(מיט אויסגעשטרעקטער האַנט)

איך זאָג אויפהערן טאַנצן. (זאַזולי הערט אויף. דרוזשינין ווילד פאַר כעס.)

ד ר ו ז ש י נ י ן

טאַנץ, טאַנץ! (צו לעווינען) דו הונט איינער! (צו די וועכטער) נעמט אים! פאַרשמייסט אים! (מיטאַמאָל ווערט צווישן די וועכטער א טרעוואָגע. איינער לויפט צו צו דרוזשינינען און זאָגט אים עפּעס אויפן אויער. דרוזשינין, ווי אַן אונטערגעשאָסענער, נעמט שרייען) אַרומרינגלען די טורמע מיט סאָלדאַטן! אַוועקשטעלן נאָך וועכטער ביי אַלע טירן! שנעלער! שנעלער! (כאַפּט ארויס זיין רעוואָלווער פון שייד און לויפט אַרויס. נאָך אים אַלע וועכטער. קאַמער פאַרשליסט זיך. מהומה. טופּעריי אויף טרעפּ. שלעסער קלאַפּן. א פּויק נעמט פּויקן טרעוואָגע. אַלע פון קאַמער ווערן אַרומגעכאַפּט מיט שרעק און אַנונג פון עפּעס אַן אומגליק.)

ל ע ו י נ ע

מיר דאַרפן זיך גרייטן אויפן ערגסטן. ער וויל אונז אַלעמען אויסשיסן. פּרץ, זינגער, מוטיקער — קומט אַהער! דאַנילִיק, לאָמיר פאַרבאַריקאַדירן די טיר מיטן טיש. (שלעפּן דעם טיש צו דער טיר. די מהומה אין דרויסן ווערט שטאַרקער. דורך די קראַטעס פון טיר שטעבן זיך אַריין באַיאָנעטן. עס דערהערן זיך שאָסן.)

ל ע ו י נ ע

צעלייגט זיך אויף דער ערד. (אַלע צעלייגן זיך.)

ז י י ד ע

(האַט אין מיטן דערמאָנט זיך אָן זיין טאַרבע, בינדט זי אָפּ. דאָס צוקער פעלט אים. ער מאַכט יאָמערלעכע גערודערן)

מיין צוקערל איז נישטאָ! ווו איז מיין צוקערל?

ז אַ ז ו ל י

שטיל. שווייג.

ז י י ד ע

(נישטערט איבער אַלע ווינקלען)

גיט מיר אָפּ מיין זעקעלע צוקער! גזלנים! מערדער!

(עס טוט אַ קנאַל פלוצלינג פון אַלע זייטן. די ווענט ציטערן. מיטאַמאָל דערהערן זיך אומגעריכטע קולות ווי אין חלום קולות ענלעכע צום געזאַנג פון מאַרסעליעזע.)

לעווינע

מאַרסעליעזע!

(אַלע אין פאַרגליווערונג הערן זיך איין. מאַרסעליעזע הערט זיך קלערער. באַגלייט פון הורא-געשרייען און שיסעריי. באַיאָנעטן פון טיר פאַרשווינדן)

דניאל

זעט, נישטאָ די באַיאָנעטן. לאָמיר ברעכן די טיר. (זיי נעמען מיטן טיש און זעצן אין טיר אַריין. די קלעפּ הילכן ווי פון אַ פּאַס אַרויס. די שלעסער קרעכצן און גיבן נאָך. מאַרסעליעזע און הורא-געשרייען דערנענטערן זיך צום טיר.)

קולות

(הינטערן טיר)

עפן, עפן, הונט איינער!

זאָל לעבן די פרייהייט!

זאָלן לעבן די פּאָליטישע קאַטאָרזשניקעס!

עפן, עפן!

קול פון וועכטער

האָט רחמנות. שלאָגט נישט.

אַלע פון קאַמער

(זעצן אין טיר מיט די לעצטע כוחות. ענטפערן אָפּ)

זאָל לעבן דער אויפשטאַנד!

(די טיר ווערט אויפגעבראָכן. אין קאַמער פאַלט אַריין אַ צעבלוטיקטער דער וועכטער. נאָך אים אַ מחנה גאָלדגרעבער רעוואָלוציאָנערן, מיט פאָנען אין די הענט, טרעטן איבער וועכטער. גאָלדגרעבער כאַפּן אַרום די אַרעסטאַנטן, הייבן זיי אינדערהייך ווילד און צעפלאַמט. די אַרעסטאַנטן, אויסגעמאַטערטע פון הונגער און אויפרעגונג, האַלטן זיך קוים אויף די פיס)

אויסגעשרייען

זאָל לעבן חבר לעווינע!

(מען הויבט אים אינדערהויך, לעווינע באַפרייט זיך פון זיי און שטעלט זיך אויף דער נאָרע)

לעווינע

צום אַלעם ערשט נעמט פּעטערן, דעם חבר, וואָס ליגט אויף דער נאַרע, און טראָגט אים שנעל אין שפּיטאָל. שנעל. אויך די חברים, (באַווייזט אויף גריגאָרי און סאָלאָמאָנען) אויך זיי טראָגט אין שפּיטאָל. (אַ גרופּע נעמט די קראַנקע אויף די הענט. גייען צום טיר, אָבער ביים טיר שטויסן זיי זיך אָן אַן עולם, וואָס שפּאַרט אינעווייניק אַריין און האָט וואַרפט זיך אויפן האַלב-טויטן וועכטער.)

קולות

ער לעבט נאָך. דערענדיקט אים.

דניאל

מען דאַרף נישט. מען דאַרף נישט.

קולות

איר האָט רחמנות אויף אייער תליון, חבר?

דניאל

לאָזט דורכטראָגן די הולאים! טויט נישט, הרגעט נישט. (מישט זיך אַריין און ראַנגלט זיך מיטן עולם.)

לעווינע

(שרייט צו דניאלן)

מישט זיך נישט. איצט ווילט איר אויך גוטסקייט? צדקות?

קולות

ער איז טויט, דער הונט.

לאָזט דורכטראָגן די קראַנקע חברים. (מען טראָגט זיי אַרויס)

ווו איז דער שמיד? אַראָפּנעמען די קייטן פון זייערע פיס.

איפן הויף פונאַנדערשמידן זיי. אונטערן פרייען הימל.

זאָל חבר לעווינע אונז עפּעס זאָגן.

חבר לעווינע, חבר לעווינע.

לעווינע

איצט רעדן אַסך דאַרף מען נישט, חברים. מיר האַלטן זיך קוים אויף די פיס פון הונגער. מיר זענען אייערע.

קולות

אונזערע, אונזערע. דער אויפשטאַנד וואַרט אויף אייך.

זאַזולי

לאָזט אונז נישט איבער דאָ. באַפרייט אונז אויך.

לעווינע

אַלעמען באַפרייען. איר וועט גיין מיט אונז.

זיידע

קינדערלעך טייערע. זען די ליכטיקע פרייהייט.

לעווינע

איז דרוזשינין אַרעסטירט?

קולות

ניין, ער האָט זיך אַרויסגעדרייט פון אונטערן האַנט.
מיר וועלן אים כאַפּן.
איר וועט דאָך זיין מיט אונז, חבר לעווינע?
איר וועט אָנפירן מיטן אויפשטאַנד.

לעווינע

אַלע גאָלדגרובן זענען אין שטרייק?

קולות

אַלע.

לעווינע

און געווער האָט איר?

קולות

יאָ, יאָ.

(עולם טראָגט לעווינען און די אנדערע אַרעסטאַנטן אויף די הענט אַרויס פון טיר.)

דניאל

(ביים טיר, פּלוצלינג)

אוי, נוקין האָבן מיר פאַרגעסן. (שלעפּט אויף צוריק עטלעכע פון עולם, בייגט זיך איין אונטער דער נאַרע און ציט אַרויס

נוקין. נוקי איז נישט אויף דער וועלט. ער הערט נישט. ווייסט נישט, וואָס ארום טוט זיך.)

דניאל

(מינטערט אים)

נוקי, נוקי! עפן די אויגן. קום צו זיך. זע — פרייהייט. רעוואָ־לוציע.

נוקי

הא, וואָס פאַר אַ טומל?

דניאל

ברענגט אַריין דעם שמיד אַהער. שנעל. (איינער אַפּ און קומט גלייך צוריק מיטן שמיד) מיר זענען פריי, נוקי. דאָס פאָלק באַפרייט אונז. אָט איז דער שמיד! נוקי, אָט איז דער שמיד. דער שמיד. (צום שמיד) שמידט אים פונאַנדער!

שמיד

(קאַלטבלוטיק)

נו, אַוודאי. ווי דען? — פונאַנדערשמידן. (לייגט אַרויף נוקיס פיס אויף אַ קליינער קאָוואַדלע. אַ זעץ מיטן האַמער. די קייטן פאַלן אַרונטער. אַ הילכיקער הוראַ. נוקי צוזאַמענגעפאַלן באַגרייפט נאָך נישט וואָס מיט אים טוט זיך. שמיד אַפּ.)

דניאל

זע, נוקי, נישטאָ קיין קייטן אויף דיינע פיס. קום צו זיך.

נוקי

(הויבט אָן קומען צו זיך. זיין פנים ווערט ביסלעכווייז ליכטיק)

פרייהייט! פרייהייט! — וואָס, מען לאָזט אונז אַרויס?

דניאל

(דריקט אים צו זיך)

קום, נוקי. (פירט אים)

נוקי

(קומט צום טיר, וו עס ליגט דער טויטער וועכטער. גיט פלוצלינג אַ שפרונג אויף צוריק. זיינע אויגן ווערן צוריק פינצטער.)

חער ליגט דאָ ביים שוועל? — טויט. טויט. טויט. בלוט.

(פאַלט ווידער צוזאַמען.)

ד נ י א ל

נעמט אַוועק דעם טויטן פון וועג. (מען שלעפּט אַוועק דעם טויטן.)

נ ו ק י

איך וועל נישט גיין. בלוט אויפן שוועל. אייביק בלוט. איך וועל נישט גיין. (רייסט זיך אַרויס מיט געוואַלד און נעמט צוריק קריכן אונטער דער נאַרע.)

נ ו ק י

נעמט אים, חברים!

(אַלע נעמען נוקין אַ צוזאַמענגעפּאַלענעם אויף די הענט, פאַרוואַרפן אים אויף די אַקסלען און טראָגן אים אַרויס. די גאַנצע לופט אַרום שטורעמט מיט מאַרסעליעזע-געזאַנג, הורא און האַמער-קלאַפּ און קייטן-צוזאַמענברוך.)

(פ אָ ר ה אַ נ ג)

דריטער אַקט

(אין אַ האַך אַרום. די זעלבע קאַמער. די פענצטער אויסגעבראָכן, אויף די טיר. אָהנט, הען דער פּאָר־האַנג הייבט זיך אויף איז די קאַמער ליידיק. פיר באַהאַפנטע אַרבעטער פון די גאָלדגרובן פירן אַריין קאָוועריזניקאָון און זאַזולין.)

ערשטער אַרבעטער

באַדאַרפט אייך דעם קאָפּ אַראָפּנעמען און פּטור. וואָלט איר געוווּסט דעמאָלט ווי אַזוי ביי אונז אַרבעטער צו גנבענען און ראַבירן.

צווייטער אַרבעטער

צווינגען אונז צו ווערן טורעמשטשיקעס, — פאַרשאָלטן זאָלט איר ווערן.

דריטער אַרבעטער

האָט זיך טאַקע געלוינט צו באַפרייען זיי גלייך מיט אַלע חברים, אַריינגעמען זיי צו אונז, געבן זיי עסן. — אָט באַצאָלן זיי אונז מיט מאָרד און רויבעריי.

ערשטער אַרבעטער

דעם צאַרס אַרמיי שפּאַרט פון אַלע זייטן, וויל אונז אַרומרינגלען, יעדער טומל און אומאָרדענונג איז ממש אַן אומגליק פאַר אונז — קומט איר, פאַרשאָלטענע, מיט אייערע באַנדעס.

זאַזולי

שאַ, שאַ, שרייט נישט, וויינט נישט. איר האָט דאָך אונז שוין דאָ — טאָ וויינט נישט.

פערטער אַרבעטער

דו רעדסט נאָך? אַט וועל איך מיט איין זעץ דעם קאָפּ דיר־אַראָפּנעמען.

זאַזולי

נו, וואָס וועסטו וועסטו שוין האָבן, אַז דו וועסט אַראָפּנעמען מיין קאָפּ? אַ טייערע מציאה מיין קאָפּ. ביי וועמען אַנדערש האָבן מיר געזאָלט גנבענען? אַז די באַלעבאַטים פון די גאָלד־גרובן האָט איר פאַרטריבן, און איר זענט אַליין געוואָרן די באַלע־באַטים, — נו, איז וווהין האָבן מיר געזאָלט גיין גנבענען?

ערשטער אַרבעטער

ער וויצלט זיך נאָך.

פערטער אַרבעטער

דערלאַנג אים און פאַרטיק.

זאַזולי

גאַנצע קנאַקערס, קוק זיי אָן.

ערשטער אַרבעטער

וואַרט, מיר וועלן אייך נאָך משפּטן. מיר וועלן אייך אַרויס־פירן אויפן מיטן דאָרף. און די אַרבעטער פון אַלע גאָלד־גרובן וועלן אייך משפּטן.

זאַזולי

משפּט, משפּט. האָסט געטראָפן וועמען איבערצושרעקן מיט משפּט. איין שוואַרץ יאָר. איין טורמע אומעטום. — — וועסט נישט איבערשרעקן. — — — איר ווילט אַראָפּוואַרפן דעם צאַר, פאַרלאַפּן ביי די רייכע זייער גאָלד — ווער לאָזט אייך נישט? טוט אייך. אָבער מיר ווילן אויך אַביסל גאָלד.

ערשטער

פלאַפּלסט און ווייסט נישט וואָס דו פּלאַפּלסט. ווו האָסטו גע־זען גאָלד ביי אונז? שטיק גולם דו. אַז דיין גנבישער קאָפּ קען אַנדערש נישט באַנעמען ווי נאָר גנבענען, צוכאַפּן פאַר זיך. וויפל מאָל האָבן מיר אייך געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מיר האָב דערקלערט איבערן גאַנצן צפון־ראַיאָן פון סיביר אַ קאָמונאַלע חירטשאַפט, די גאָלד־גרובן און אַלע הייזער און קאַנטאָרן זאָלן

באַלאַנגען צו די וואָס אַרבעטן אין זיי, און דאָס גאַנצע לאַנד דאַרף זען אונזער ביישפּיל און טון אַזוי ווי מיר, — קומט איר און ראַבירט ביי אונז, ביים אַרבעטער־פאָלק.

זאַזולי

מאַלע וואָס איר האָט אייך דערקלערט דאָרט, — אָבער מיר ווייסן, אַז עס וועט נישט אויסהאַלטן. דעם צאַרס מיליטער שפּאַרט אַהער.

פּערטער

וואָס איז דאָ צו ריידן מיט זיי? דערלאַנג אים אין מאָרדע און פּאַרטיק.

זאַזולי

נאָר דו האַלסט אין איין דערלאַנגען, בריה מיינער.

צווייטער

שווייג. האָב דרך־ארץ.

זאַזולי

שוין באַלד ווי דרוזשינין.

קאָווערזניקאָוו

אויך מיר טורעמשטשיקעס! ווייסן אַפילו נישט ווי אַזוי אַ קאַמער צו פאַרשליסן.

ערשטער

זאָרג זיך נישט. מיר וועלן אייך גוט פאַרשליסן.

זאַזולי

אויב דו ביסט שוין יאָ אַזאַ באַלעבאָס — טאָ שטעל אַריין שויבן. זעסט נישט, אַז ס'איז קאַלט דאָ?

קאָווערזניקאָוו

טאָ שטעל אַריין אַ נייעם שלאָס אין טיר. דער אַלטער איז דאָך צעבראָכן.

ערשטער

זאָרגט אייך נישט, ס'וועט זיין אַ שלאָס אויך.

זאַזולי

טאָ ברענג מיר מיין פּאַיאָק, ברענג מיר. און אַ מאַטראַץ און אַ קישן. און ברענג מיר טיי.

פערטער

טיי? — וועסט טרינקען פעך ביי אונז.

זאזולי

(מיט א האלב-חיינענדיקן קול)

ב׳וויל עסן. אן ארעסטאנט דארף מען געבן עסן. טא גיב מיר. קורווע די מאמע דיינע.

צווייטער

(מיט בעס)

קריכט ארויף אויף דער נארע און לייגט זיך. (אז יענע פאלגן נישט, נאכאמאל) לייגט זיך, זאג איך. (ער ציט ארויס א רעוואלווער) מיר וועלן אייך באווייזן, צי עס איז א וויץ צי נישט: — איר צווינגט אונז צו ווערן טורעמשטשיקעס, פארשאלטן זאלט איר ווערן! לייגט זיך און רעדט נישט אנטקעגן.

(זאזולי און קאנטערוניקאוו, בלייבע, קריכן ארויף אויף דער נארע. ציען זיך אויס און בלייבן ליגן. עס קומען אריין זינגער און פרק, אנגעטאן אין האלב-אונטערגעשניטענע ארעסטאנסקע כאלאטן מיט הויכע שטיוול אויף די פיס.)

זינגער

וואס איז דא פאר א טומל?

ערשטער

גנבים אזוינע; מיינען, אז ס׳איז א שפיל.

זינגער

צו וואס ארגומענטירן מיט זיי? ארייגעזעצט זיי אהער—פארשליסט די טיר און פארטיק.

זאזולי

אזוי? בריה מיינער. פארשליסן די טיר, — נו, פארשליס, נא־טשאלניק מיינער נייער, האסט דאך אליין די טיר אויסגעבראכן.

זינגער

וועלן מיר א נייעם שלאס אריינשטעלן, זארג נישט. באלד וועט דער שמיד קומען אהער און אלץ פארריכטן. און אויב אן א שלאס? — נו, פרוביר אנטלויפן.

(צום ערשטן און צווייטן) איר נעמט איבער היטן דעם קאָרי־דאָר. און איר (צום דריטן און פערטן) דעם הויף.

צווייטער

אָבער עסן דאַרף מען זיי געבן. די קיך דאַרף מען באַזאָרגן.

פּרץ

איך האָב שוין באַזאָרגט.

ערשטער

און מאַטראַצן.

פּרץ

אַט וועל איך גיין אַלץ באַזאָרגן. (אָפּ)

זאַזולי

באַזאָרגער פּײַנע. (שפּרינגט אויף) אין די ריפּן, אין די קיש־קעס, אין מאַרך אַרײַן!

זינגער

שפּרינג נישט. סײַדן דו ווילסט כאַפּן אַ קויל. איר זאָלט וויסן זײַן: פאַר יעדן מינדסטן אויסדרוק פון כוליגאַניזם וועט איר באַצאָלן מיטן לעבן. מיר שטייען אין אַ מלחמה. טאָ היט די ביינער אײַערע.

זאַזולי

בישקשה, נישקשה, וועסט נאָך קומען מיט אונז ליגן אויף דער זעלביקער נאַרע. דו וועסט קומען, דו וועסט קומען, נאַטשאַל־ניק מײַנער בייער. קורווע די מאַמע.

זינגער

וועלן מיר קומען — וועלן מיר ליגן. אָבער דערווייל זאָג איך דיר: נישט ליאַרמען, פאָלגן וואָס די חברים וועלן אײַך הייסן. ביי יעדן מינדסטן פאַרזוך פון אַנטקעגן שטעלן זיך אָדער אַנטלויפן — וועט מען שיסן אין אײַך.

(עס קומט אַרײַן דער שמיד, מיט געצייג אין די הענט, נעמט פאַררייבן די שלעסער פון טיר.)

זאַזולי

קום אַרײַן, קום אַרײַן, פעטערל.

ז י נ ג ע ר

(צום שמיד)

טוט וואָס איר דאַרפט טון, און הערט זיך נישט צו צו זיי.

ש מ י ד

(קאַלט)

נו, וואָס דען.

ז י נ ג ע ר

א'ר וועט פאַרריכטן אַלע טירן, אַלע שלעסער.

ש מ י ד

נו, אַוודאי. נו, אַוודאי, מיר וועלן פאַרריכטן.

ז אַ ז ו ל י

נאַטשאַלסטוואָ בייט זיך, אָבער דו, פעטערל, שמידעלע — דו בלייבסט דער זעלבער. דער זעלביקער האַמער, די זעלבע קאָוואַדלע און די זעלבע קייטן. שרעק זיך נישט, פעטערל, אַרבעט.

ש מ י ד

נו, אַוודאי, איך אַרבעט. איך שרעק מיך נישט.

פ ר ץ

(קומט אריין מיטן ערשטן און צווייטן וועכטער, שלעפן מאַטראַצן און קאָלדערעס. וואַרפן עס אַרויף אויף דער נאַרע.)

נאַט אייך מאַטראַצן. ברויט און וואַסער וועט מען אייך באַלד ברענגען.

ז אַ ז ו ל י

אַ טעשל קאָרטן ברענג אויך

פ ר ץ

וואָס נאָך זאָל איך דיר ברענגען?

ז אַ ז ו ל י

זיי אַ גוטער. גיב אונז קאָרטן.

ק אָ וו ע ר ז נ י ק אָ וו

וואָס וועלן מיר דאָ טון אָן קאָרטן? כאָלערע די מאַמע.

פ ר ץ

מ'דאַרף קריגן אַ גלעזער. דערווייל פאַרהענגען מיט קאָלדערעס

די פענצטער. (צום ערשטן און צווייטן) נעמט זיי אויף שפּאַ־ציר אַרויס.

זאַזולי

מיר ווילן נישט גיין שפּאַצירן. מיר ווילן נישט. אין הינטישן טאָטן אַריין.

זינגער

גייט און רעדט נישט קיין סך. (זאַזולי, קאָהערזניקאָוו און די צוויי וועכטער אָפּ.)

פּרץ

(פאַרהענגט די פענצטער מיט א קאָלדרע, מאַכט צורעכט די אומאָרדענונג אין קאַמער.)

זינגער

נאָך ראַמען די קאַמער פאַר זיי? זיי וועלן עס טון אַליין.

פּרץ

מען קען דאָך קיין מענטשן נישט אַריינזעצן אין אַזאַ הקדש.

זינגער

אַך, נו, מער ליגט אונז נישט אין זינען איצט.

פּרץ

אונז דאַרף עס ליגן אין זינען.

זינגער

גלויב מיר, אַז זיי זענען זיכערער מיטן לעבן ווי מיר. אונזער אַלעמענס לעבן הענגט אויף אַ האָר.

פּרץ

דאָס איז אמת. אָבער איך זאָג דיר: נישט געשמאַק אָט דער גאַנצער ענין, טורעמשטשיקעס ווערן.

זינגער

נישט געשמאַק? נו, וואָלט געווען בעסער, ווען דו גיסט דאָס אימיצן אַנדערש איבער? מיר וועלן זיך זיצן ערגעץ אָן דער זייט און קאָמאַנדעווען, און אַ צווייטער זאָל טון אָט די נישט־געשמאַקע אַרבעט. — מיר איז שוין איינגענעמער אַליין דאָס צו טון. ס'איז ערלעכער און ריינער, אויב אויפשטאַנד פאָדערט באַזייטיקן געגנער — —

פרץ

יאָ, אמת. אָבער — ס׳איז אַזוי שווער.

זינגער

וואָס ווערסטו זאָגן באַלד, אַז מ׳וועט ברענגען אַהערצו אַרעס־טירטע דניאלן, גריגאָרין און יאָסעפן?

פרץ

איך וויל נישט זיין דערביי.

זינגער

(מיט כּעס)

ווער דען זאָל זיין דערביי? ווידער אימיצער אַנדערש? — טרינק דעם בעכער ביזן סוף.

פרץ

(נעמט ארום דעם קאָפּ)

אוי, ס׳איז שרעקלעך.

זינגער

האָסט דאָך אַליין געשטימט דערפאַר מען זאָל זיי אַרעסטירן.

פרץ

נו, יאָ, געשטימט. געמוזט. ווייל זיי שטעלן אין געפאַר אונזער גאַנצן קאַמף. זיי פריידיקן אונטערגעבן זיך דעם צאַרס מילי־טער, וואָס רינגלט אונז אַרום. זיי שוואַכן אָפּ דעם מוט פון אַלע גאָלדגרעבער.

זינגער

ס׳איז קלאָר, ווען נישט זיי — וואָלט זיך דרוזשינין נישט אַרויסגעדרייט פון אונזערע הענט. גוטסקייט פריידיקן זיי, איינגעהאַלטנקייט, נישט ברענגען קיין קרבנות. — נו, שטייט איצט דרוזשינין נישט ווייט פון אונזער ראַיאָן מיט אַ גאַנצער אַרמיי און וואַרט אויף אַ גינסטיקער רגע. — איך וואָלט אַ בעלן געווען צו זען, ווי דרוזשינין וועט נישט פאַרגיסן קיין בלוט.

פרץ

פונדעסטוועגן איז לעווינע אַליין אויך זייער צערודערט, כאָטש

ער איז געווען דער, וואָס האָט געמאַכט דעם פאָרשלאָג זיי־
צו אַרעסטירן.

זינגער

הער וואָס איך זאָג דיר. אָט די אַלע רייד וואָס מיר רעדן
זענען גאָרנישט ווערט. מוסר זאָגן זיך אַליין — צו וואָס?
נו, יאָ, מיר ווייסן וואָס טורמע איז, מיר ווייסן אָבער אויך,
וואָס עס מיינט פאַרראַט! און פריידיקן אונטערגעבן זיך איז
פאַרראַט. חשבון־הנפש וועלן מיר זיך אָפּגעבן יעדער פאַר זיך,
אַליין ביינאַכט. אָבער איצט איז נישט קיין צייט פון רעדן.
איצט דאַרף מען האַנדלען. מיר האָבן איבער צוויי טויזנט באַ־
וואָפנטע מענער, און איך זאָג דיר, ווען דניאל און, איבער־
הויפּט, יאָסעף הייבן נישט אָן זייערע העצעס און אָפּשוואַכנ־
דיקע רעדעס, וואָלטן מיר שוין לאַנג דרוזשינינען מיט זיין
אַרמיי פאַרטריבן. און אַז מיר וואָלטן אַריינגענומען אין אונזערע
הענט אַ גרויסן טייל פון סיביר —

שמיד

(קומט אריין)

די אַנדערע שלעסער קען איך נישט פאַרריכטן היינט.

זינגער

אָבער די טיר איז גוט שוין?

שמיד

(פארשליסט און שליסט אָפּ)

נו, אַוודאי גוט.

פרץ

מיר וועלן אַרונטערגיין אין קיך און זען, צי אַלץ איז דאָרטן
אין אָרדענונג. קום. (צום שמיד) מאַכט צורעכט די אַנדערע טירן.

שמיד

נו, אַוודאי, מירן צורעכט מאַכן. (פרץ, זינגער, שמיד אָפּ.)

(אַן אַנדערע גרופּע באַוואָפנטע ארבעטער פירט אריין דניאלן.

ער איז אָנגעמאַכן אין שווארצן. אַלע שטייען און שווייגן.)

דניאל

איר האָט אייערס אָפּגעטאָן. איר קענט גיין אויב איר דאַרפט. (די־

אַרבעטער שטייען און רירן זיך נישט.) איר דאַרפט מיך נישט היטן. ס׳איז שוין דאָ היטער. (די אַרבעטער רירן זיך נישט) צי איר דאַרפט עפּעס נאָך טון מיט מיר? אפשר שלאָגן מיך?

אַרבעטער

איר דאַרפט זיך שעמען אַזוינס צו רעדן.

דניאל

און איר פאַר מיר דאַרפט זיך נישט שעמען?

צווייטער

ניין.

דניאל

איר זענט זיכער?

דריטער

מיר זענען באַוווסטזיניקע אַרבעטער. אַ גאַנץ לעבן אין די גאָלד־גריבער פאַרבראַכט. מיר ווייסן גאַנץ גוט, פאַרוואָס מיר האָבן אייך געבראַכט אַהערצו.

דניאל

איר זענט פאַרבלענדט, איר זענט געוואָרן אכזרים.

ערשטער

מיט טעג צוריק האָט איר צו אונז אַנדערש גערעדט.

דניאל

איר זענט געוואָרן קינס קעגן אייגענע חברים.

צווייטער

איר ווילט אונז באַליידיקן.

דריטער

מיר זענען רעוואָלוציאָנערן.

דניאל

לאָזט מיך אַליין. גייט. (פאַלט צו מיטן פּנים צו דער נאַרע און זיין גאַנצער גוף פיבערט.)

ערשטער

נישט פאַר ווילטאָג ווען האָבן מיר אייך געבראַכט אַהער. מיר האָבן אייך אַלע ליב געהאַט. איר ווייסט דאָס.

צ ו ו י י ט ע ר

און איצט שטערט איר דעם גאַנג פון אונזער אויפשטאַנד — דאַרפן מיר אייך באַזייטיקן, און איר דאַרפט האָבן טאַקט און שווייגן.

ד נ י א ל

נישט אַזוי האָב איך מיר פאָרגעשטעלט דעם גאַנג פון אויפשטאַנד.

צ ו ו י י ט ע ר

נישט אַזוי? ווי אַנדערש?

ד נ י א ל

ביז וואַנען וואָס־ווען זענען מיר שוין איינגעשמירט אין בלוט ביז אָ־דאַנען־אָ! און מחלוקות עסן אונז אויף. און איינער אי־בער דעם אַנדערן וויל שוין הערשן. מיך שלעפט איר אין טורמע, מיך? — יאָ, איך האַלט מיט יאָסעפן. יאָסעף איז אמתדיק. ער האָט גלייך דערפילט, אַז דער שטרייק פון די גאָלד-גרעבער אין אונזערע אומשטענדן טאָר נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין דאָס, אין וואָס לעווינע האָט אים פאַרוואַנדלט. ס׳איז אַ שווינדל, זאָג איך אייך.

ע ר ש ט ע ר

איך וועל אייך נישט דערלויבן באַליידיקן חבר לעווינען.

ד נ י א ל

נישט איר דאַרפט מיך אָפּהאַלטן פון צו באַליידיקן לעווינען. קענט איר דען וויסן וואָס אַזויגס פאַר מיר לעווינע איז גע־ווען? קענט איר דען וויסן? —(נעמט ארום דעם קאָפּ) וואָס ווייסט איר מיר צו זאָגן אויף דעם? (גיט זיך מיטאַמאָל אַ לאָז צום טיר) לאָזט מיך אַרויס פון דאַנען! מיט וואָס פאַר אַ רעכט זעצט איר מיך אַריין אַהער צוריק? (ראַנגלט זיך מיט זיי) ווי אַזוי וואַגט איר צו אַריינזעצן מיך צוריק אָט־דאָ־אָ?! צווישן אָט די זעלביקע ווענט, אויף דער זעלביקער נאַרע? — — צי פאַרשטייט איר וואָס איר טוט? צי פאַרשטייט איר וואָס מיינט די זעלביקע גראַטן, די זעלביקע טיר —- צי פאַרשטייט איר? — לאָזט מיך.

ערשטער

צווינגט אונז נישט אָנווענדן קעגן אייך געוואַלד.

דניאל

ווענדט אָן געוואַלד, שלאָגט מיך. (ראַנגלט זיך ווייטער. עס קומען אַריין זינגער און פּרץ צוריק. דניאל בלייבט שטיין, קוקט זיי אָן און טוט אַ געשריי) שלאָגט מיך! (פּרץ און זינגער פאַרלירן זיך אויפן מאָמענט און גיבן זיך אַ רוק צום טיר אויף הינטער.)

פּרץ

דניאל — —

דניאל

איך וויל איר זאָלט הויבן אַ האַנט אויף מיר! (שטויסט זיך מיט אימפּעט, רייסט זיך אַלע זענען פאַרלאָרן. אין טיר וואַקסט אויס לעווינע. דניאל, דערזעענדיק לעווינען, בלייבט אַ שטיין צע מישטער, אַ צוזאַמענגעדרייטער.)

לעווינע

(קוקט אויף אים שאַרף און זאָגט אָפּגעהאַקט)

דניאל, איר זענט אין טורמע.

דניאל

(אַ באַצוואונגענער פון לעווינעס מאָן טרעט אָפּ אויף צוריק, זעצט זיך אַרויף אויף דער נאַרע, אָפּקערנדיק דאָס פּנים פון אַלעמען צו דער וואַנט. זיצט אַ צוזאַמענגעדרייטער.)

לעווינע

ווו זענען די איבעריקע אַרעסטירטע?

ערשטער

מיר האָבן זיי נישט געפונען ביי זיך אינדערהיים.

לעווינע

אָן תּירוצים. זיי באַדאַרפן זיין דאָ.

זינגער

איך האָב שוין אָוועקגעשיקט נאָך זיי אַ צווייטע וואַך.

לעווינע

האָט מען זיי איבערגעגעבן אונזער באַשלוס, אַז אויב זיי גיבן אַ וואָרט נישט צו האַלטן קיין רעדעס און נישט צו מישן זיך

אין דעם אויפשטאַנד, — וועלן מיר זיי נישט טשעפּען?

ערשטער

יאָ, מיר האָבן זיי דאָס איבערגעגעבן.

לעווינע

נו, און וואָס?

ערשטער

יאָסעף האָט געזאָגט, אַז זיי וועלן אַזאַ צוזאָג נישט געבן.

לעווינע

(צו זינגערן)

גייט, חבר זינגער, מיט זיי און פאַרענדיקט דעם ענין. מיר דאַרפן היינט נאָך אפשר צוטרעטן צו דער גענעראַל-אַטאַקע.

פרץ

(צו זינגערן)

אפשר וואַרטן נאָך אַביסל?

לעווינע

(מיט כעס)

נישטאָ וואָס צו וואַרטן.

זינגער

יאָ, נישטאָ וואָס צו וואַרטן. (אָפּ מיט א גרופּע)

לעווינע

(צו פרצן)

וואָס, דאָס האַרץ האָט זיך אַ ריר געטאָן?

פרץ

(שטאַמלט)

כ׳ווייס אַליין נישט. אַנטשולדיקט.

לעווינע

איך האָב אייך נישט וואָס צו אַנטשולדיקן. איר דאַרפט פאַר מיר נישט שטאַמלען. וואָס בין איך אייך, וואָס איר שטאַמלט פאַר מיר? אויף דער זיצונג געבלטן האָט איר זיך געקאָכט.—פריער האָט איר ווייכע צינגער, דערנאָך קריגט איר ווייכע הערצער. — עקלהאַפט.

פרץ

עס טוט ווי.

לעווינע

קראַפּירט מען!

פרץ

נו, — מען רעדט זיך אַרויס.

לעווינע

איר, הייסט עס, געפינט, אַז מען קען נאָך וואַרטן מיט זייער אַרעסט, נאָר איך, הייסט עס, וויל נישט. — — —

ערשטער אַרבעטער

מחלוקת און מחלוקת. מיר האָבן שוין לאַנג געדאַרפט אַרויס־גיין און מאַכן אַן אָנגריף. דרוזשינין האָט שוין לאַנג באַדאַרפט זיין אין אונזערע הענט. נאָר איר מיט אייערע רייסעריייען צווישן זיך מאַכט אונז אומגליקלעך. חבר לעווינע,—מיר זענען מיט אייך. שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין זאַך.

לעווינע

שאָ הערט. איך האָב געקראָגן אַ ידיעה, אַז דעם צאַרס מילי־טער שטייט שוין הינטערן דאָרף. קאָנצענטרירט אַלע אונזערע כוחות אָט דאָ אַרום דער טורמע. ווייל פון דער זייט דאַרף דאָס צאַרישע מיליטער אָנקומען. אַלע אין קאָנצעלאַריע אַריין! — גיט אַ סיגנאַל צו מאָביליזירן אַלעמען אַהערצו. — אָ, יאָ, דעם שפּיטאָל פאַרגעסט נישט. דאָרט ליגן דאָך פּעטער, סאַלאָמאָן, נוקי און דער זיידע. זענען זיי באַזאָרגט מיט אַלעם נויטיקן?

פרץ

יאָ, איך גיב אויף זיי אַכטונג.

לעווינע

(לייגט אַרויף אַ האַנט אויף זיין אַקסל)

זייט נישט ברוגז. איך האָב נישט געמיינט אייך צו באַליידיקן.

פרץ

איך בין נישט ברוגז.

לעווינע

טאָ קומט. (אַלע נעמען ארויסגיין)

דניאל

(זען אַלע זענען אַרויס, און עס בלייבן נאָר ביי דער טיר לעווינע און פּרץ, שפּרינגט ער אַראָפּ פון דער נאַרע)

איך וויל איר זאָלט דאָ בלייבן.

לעווינע

צו וואָס?

דניאל

איך וועל אייך נישט אַרויסלאָזן.

לעווינע

(צו פּרצן)

גייט, פּרץ. איך וועל אייך אָניאָגן. (פּרץ אָפּ) וואָסווילט איר דניאל?

דניאל

(זיין גוף פיבערט, זיינע ווערטער, פון גרויס אויפרעגונג, קומען קוים אַרויס פון זיין מויל)

איז דאָס טאַקע אמת, אַט דאָס אַלץ?

לעווינע

וואָס אמת?

דניאל

אַט דאָס־אָ — טאַקע אמת, אַז איך בין אַרעסטירט פון אייך?

לעווינע

ליידער, אמת.

דניאל

אָבער, אָבער, אַז איך זיץ אויף דער נאַרע און איר שטייט ביי דער טיר — בין איך דער אַרעסטירטער. נו, אַט שטיי איך ביי דער טיר און איך הייס אייך זעצן זיך אויף דער נאַרע, — וועט איר זיין דער אַרעסטירטער.

לעווינע

איר רעדט קינדעריש, צי וואָס?

דניאל

איך אַרעסטיר אייך: לייגט זיך אויף דער נאָרע.

לעווינע

איר בלייבט דער אייביקער יינגל, דניאל. — ווען איר וואָלט נישט געווען שעדלעך מיט אייער ווירקונג און מיט אייערע רייד וועגן דער דאָזיקער גוטסקייט אייערער און שיינקייט, וואָס פּאַסן פאַר קינדער און נישט פאַר מענטשן, וואָס שטייען ביזן האַלז אין קאַמף און בלוט — —

דניאל

איך בין נישט קיין יינגל. איך בין עלטער פאַר אייך: עלטער, עלטער, און — שטאַרקער.

לעווינע

דניאל, איך האָב נישט קיין צייט.

דניאל

און אויב איך וועל נעמען און אייך דערהרגענען.

לעווינע

נו — טוט עס. (ביים טיר האַקסן אויס די ערשטע צוויי אַרבעטער)

דניאל

(צו זיי)

גיט מיר אַ רעוואָלווער אַהערצו, איך וועל אים דערשיסן.

לעווינע

גיט אים.

ערשטער אַרבעטער

וואָס מיינט איר?

לעווינע

גיט אים אַ רעוואָלווער.

צווייטער אַרבעטער

וואָס רעדט איר אַזוינס, חבר לעווינע? (צו דניאלן) גייט אַוועק פון טיר.

לעווינע

לאָזט מיך אַליין, חברים. האָט נישט קיין מורא.

ערשטער

מיר האָבן אַ פאַרזאָג אייך נישט צו לאָזן אַליין.

דניאל

היט אים, היט אים. — ער איז מאַכטהאָבער געוואָרן. ער איז באַלעבאָס געוואָרן, ער איז נאַטשאַלניק געוואָרן. — אַ נאַטשאַלניק דאַרף באַוואַכט ווערן.

לעווינע

איך זאָג אייך, גייט אין קאָרידאָר. (ארבעטער אָפּ)

דניאל

קיין צען טעג נישטאָ זינט איר האָט מאַכט, און די מאַכט האָט אייך שוין פאַרשיכורט.

לעווינע

איר ווילט עפּעס רעדן מיט מיר וויכטיקס — רעדט, אַז נישט, לאָזט מיך.

דניאל

און דאָס אַלץ ווערט אָפּגעשפּילט אין אַ קליין דערפל, אין העק סיביר, צוויי טויזנט וויאָרסט פון אייזנבאַן, אין טיפן ווינטער, צווישן אַ באַפעלקערונג פון אַפּאָר טויזנט אַרבעטער, אויף אַ נאַרע פּין אַ חרובער טורמע.

לעווינע

צו וואָס רעדט איר דאָס?

דניאל

אייך איז נישט קלאָר, צו וואָס איך רעד דאָס?

לעווינע

מיר איז דאָס שוין גאָר קלאָר, דניאל. אייך איז נישט קלאָר. דערפאַר פּלאָנטערט איר זיך. — — אין לאַנד דאַרף זיין אַ רעוואָלוציע. נו, פאַרשפּעטיקט זי. דער צאַר דערשטיקט אַלע אויפשטאַנדן. ווייסט איר דאָך שוין, וואָס ס'איז געווען דעם ניינטן יאַנואַר אין פּעטערבורג. און מיט וואָס עס האָט זיך געענדיקט דער זיבעצעטער אָקטאָבער. אָבער די רעוואָלוציע דאַרף מען אָנהייבן ווידער. נו, הייבן מיר זי אָן. איר פאַרשטייט? די מענטשלעכע נאַטור האָט איר געזען נאָר אין חלום.

אין צוזאַמענשטויסן צווישן מענטשן און קלאַסן זענען פאַר אייך אומגעריכטע זאַכן, אַט, אַשטייגער, ווי אַ דונער מיטאַמאָל אין אַ שיינעם טאָג. און איר זענט נאָך פאָרט אַ קינד.

דניאל

איר ווילט אַלץ געפינען אַ באַרעכטיקונג אין מיין כלומרשטער נישט־דערפאַרנקייט און קינדישקייט. זאָג איך אייך נאָך אַמאָל: איך בין עלטער פון אייך. אָט די עטלעכע מינוט, וואָס איך זיץ דאָ איצט, האָבן מיך געמאַכט עלטער פון אייך.

לעווינע

נו, דניאל, אַפילו איצט זאָג איך, אַז איר זענט אַ ליבער. איר וואָלט זיך מסתמא אינגאַנצן נישט באַדאַרפט מישן אין מענטשלעכן געראַנגל, נאָר קוקן פון דער זייט —

דניאל

און קראַפירן.

לעווינע

ניין, פאַרקערט. — באַוואונדערן.

דניאל

אין אייערע רייד פאַרנעם איך נאָר הוזק. מער גאָרנישט. (נעמט אַרום דעם קאָפּ מיט ביידע הענט.) דער קאָפּ שפּאַלט זיך מיר. (ער שאַרט זיך אַוועק אויף דער נאַרע מיטן קאָפּ צום וואַנט.)

לעווינע

אויף דער ערשטער פאַרזאַמלונג, נאָכן אַרויסגיין פון דאַנען, האָט איר דאָך אַליין געשטימט דערפאַר, אַז מיר זאָלן דעם שטרייק פון די גאָלד־גרעבער פאַרוואַנדלען אין אַ סאָציאַלן אויפשטאַנד, אין אַ פּרווו צו באַאיינפלוסן דורך דעם סיביר און אויך רוסלאַנד. און דערנאָך, אָבער, זענט איר אונטערגעפאַלן אונטער יאָסעפס ווירקונג. אויך גריגאָרי אַזוי.

דניאל

ווייל איך האָב דערזען, אַז יאָסעף איז גערעכט. (מיט אימפּעט צו לעווינען) פון טאָג צו טאָג האָב איך דאָס געזען. אַ שפּיל מיט לעבנס פון איבער צוויי טויזנט פאַרוואָרפענע, פאַרביטערטע

אַרבעטער. נישטאָ קיין האָפענונג אויף זייטיקער הילף, נישטאָ קיין האָפענונג צו ביישטיין דעם צאַרס מיליטער. אַפּאַר דערפֿלעך, אין אַזאַ גרויסער פאַרפראָרענער וויסטעניש.

לעווינע

אויפשטאַנדן ווערן געמאַכט נישט מיט האָפענונגען, נאָר מיט דרייסטקייט.

דניאל

איר שפּילט זיך מיטן גורל פון מענטשן און חברים, ווי אַ פּשוטער מאַכטהאָבער. אייער אייגן לעבן ווערט שוין פונדעסט־וועגן באַוואַכט

לעווינע

(מיט ציטערדיקע ליפּן)

דניאל, איך בין אַ געדולדיקער, אָבער אויך צו מיין געדולד קען נעמען אַ סוף.

דניאל

אַז ס'וועט קומען צו אַ קאַטאַסטראָפע, וועט אייער לעבן נאָך אַלץ זיין באַוואַכט.

לעווינע

פאַר דעם וואָלט איך אייך באַדאַרפט געבן אין באַק.

דניאל

(דערנענטערט זיך צו אים)

גוט! שלאָגט מיך. שוין בעסער, ווען איר וואָלט שלאָגן. אַן אַרעסטאַנט דאַרף מען שלאָגן. אַלץ איז דאָך ווי פריער, נישט אַנדערש: די זעלבע קאַמער, די זעלבע נאַרע און די זעלבע מורא פון אַ שוואַכערן קעגן אַ באַוואָפנטן.

לעווינע

איר וועט זיך אויסשלאָפן און באַרויקן זיך.

דניאל

רעדט נישט צו מיר, ווי אַ גלייכער צו אַ גלייכן. רעדט צו מיר ווי אַ נאַטשאַלניק, ווי אַ דרוזשינין. אירצט מיך נישט. רעדט צו מיר גראָב. (פאַלט צו מיטן פּנים צו דער נאַרע) איך

ווייס נישט, איך ווייס נישט, — — איר האָט אַלע מאָל געטענהט, אַז איר האָט מיך ליב.

לעווינע

איך האָב אייך איצט אויך ליב.

דניאל

ליב?

לעווינע

זייער. (פויזע) גיט אַ וואָרט, אַז — —

דניאל

ניין! פון מיין מיינונג וועל איך זיך נישט אָפּזאָגן.

לעווינע

איר געדענקט אפשר די רייד, וואָס מיר האָבן גערעדט ביידע נאָך דעמאָלט ביים הונגער־שטרייק וועגן קרבן? — איר געדענקט, איך האָב אייך געזאָגט, אַז ס'איז דאָ אַ מאָמענט, ווען אַ טאַטע דאַרף פירן זיין זון קאַלטבלוטיק צו דער עקדה, ווי אברהם יצחקן, — — איר געדענקט?

דניאל

בין איך יצחק?

לעווינע

יצחק איז אויך געווען אַ גוטער.

דניאל

(פירט מיט דער האַנט איבער דער נאַרע)

און דאָס איז דער מזבח? (ער ציט זיך אוים אויף דער נאַרע מיטן פנים אַרויף. אַלע גלידער אין אים קאָנוואולסירן.) נו, אָט ליג איך.

לעווינע

(לייגט אַרויף די הענט אויף דניאלס קאָפּ)

דניאל ווערט נישט שיכור פון אוממאַכט.

דניאל

(ליגט אומבאַוועגלעך)

אָט ליג איך אויפן מזבח, — אָט איז אויסגעשטרעקט מיין האַלז, — שעכט!

ל ע ווי נ ע

(שטייט אַפּאָר רגעס, קוקט אויף דניאלן, גייט אָפּ און לאָזט זיך צום טיר. ווען ער איז שוין ביים טיר, דערזעט ער דעם לאַמטערן, נעמט ארויס אַ שוועבעלע און צינדט אָן דעם לאָמפּ. דער לאָמפּ וואַרפט לאַנגע שפּיציקע שאָטנס איבער דער גאַנצער קאַמער. לעווינע וויל אַרויסגיין, ערשט אין דער זעלבער רגע פּירט מען אַריין יאָסעפן און גריגאָרין, צעשויבערטע און בלייכע. זיי שלאָגן זיך כמעט אָפּ אָן לעווינען. ביידע שפּרינגען אָפּ אויף הינטער, קוקן זיך אָן אַפּאָר רגעס אין טוראַדיקער שטומקייט. יאָסעף און גריגאָרי גיבן זיך אַ כאַפּ אַזוי ווי זיי וואָלטן ערשט באַגריפן וואָס עס טוט זיך. שטעלן זיך אַוועק מיטן פּנים צו דער וואַנט און מיטן פּלייצע צו לעווינען. שטייען און רירן זיך נישט. דניאל, ווי פּריער, ליגט אויסגעשטרעקט אויף דער נאַרע. לעווינע גיט אַליין אַ ציטער, זיינע פיס נעמען זיך וואַקלען און ער איילט זיך אָנצושפּאַרן זיך אָן טיר. די, וואָס האָבן די אַרעסטירטע געבראַכט, שטייען אויך אויפן שוועל און זאָגן נישט אַרויסרעדן קיין וואָרט.)

ל ע ווי נ ע

(רייסט איבער די שטילקייט)

פאַרוואָס זענען אויף זיי צעריסן די קליידער?

א יי נ ע ר

זיי האָבן זיך נישט געוואָלט לאָזן אַרעסטירן.

ל ע ווי נ ע

האָט איר זיי געשלאָגן?

צ ווי י ט ע ר

זיי האָבן אונז דערצו געצוווּנגען.

ל ע ווי נ ע

(פאַרדעקט מיט ביידע הענט די אויגן. זיין גאַנצער פּנים צעקרימט זיך, זיין גוף גיט אַ שוידער. פון זיין מויל רייסט זיך אַרויס אַן אויסגעשריי: „אַ!”, שטייט און נעמט נישט אַרונטער זיינע הענט פון די אויגן. פון גאַס דערהערט זיך

(מיטאמאל א טרומייטער-שאלונג. לעווינע כאפט זיך אויף.)

אײנער

(לויפט אריין)

חבר לעווינע, שנעלער. אונזערע רייסן זיך צום אָנגריף. דרו-זשינין איז שוין אין דאָרף.

לעווינע

קומט! (האסטיק אָפּ מיט אַלע איבעריקע. די טיר פארשליסט זיך. יאָסעף און גריגאָרי קערן זיך אָפּ פון דער וואנט. קוקן אויף דניאלן ווי ער ליגט, זאָגן צו אים גאָרנישט. זעצן זיך אוועק לעבן אים מיט די קני אויסגעבויגן. די קעפּ אויף די קני.)

יאָסעף

נו, איצט האָבן מיר שוין אַסך פּלאַץ אויף דער נאַרע.

גריגאָרי

ש, רעד נישט.

יאָסעף

דאָס וועסטו אויך פארגעבן?

גריגאָרי

הער אויף.

יאָסעף

טוסט דיין חוב?

גריגאָרי

פייניק נישט.

יאָסעף

נו, ציִ זיך אויס. לייג זיך.

גריגאָרי

דניאַל, זאָגט עפּעס.

דניאל

(א שטארק געוויין רייסט זיך פון אים. ער שטיקט עס אין זיך. ברעכט צוזאמען)

גריגאָרי

נאָר נישט געוויינט.

ד נ י א ל

מער נישטאָ וואָס צו שעמען זיך צו וויינען.

ג ר י ג אָ ר י

איך קען נישט וויינען. (פויזע)

י אָ ס ע ף

זע, עס ברענט דער לאָמפּ. שוין נאַכט.

ג ר י ג אָ ר י

זיי שטיל, גענוג. (מען הערט דעם געהאָי פון ווינט.)

י אָ ס ע ף

(טאַפּט נאָך דעם ווינט)

הו, הו, הו, — נוקי פלעגט אַזוי וואָיען. געדענקסט?

(עס עפנט זיך די טיר און איינער פון די היטער טראָגט אריין דריי פּאָרציעס ברויט מיט אַ כלי וואַסער, שטעלט עס אַוועק אויף דער נאַרע. אַ צוחיק שטיל, ווי ער איז אריין. יאָסעף צעלאַכט זיך היסטעריש, האַקט זי אָפּ. נעמט אין האַנט אַ פּאַיאָק ברויט און וועגט עס אויפן האַנט)

די וואָג איז אַ ריכטיקע. די זעלביקע צוויי פונט. נאַ, קיי, גריגאָרי.

ג ר י ג אָ ר י

און דו?

י אָ ס ע ף

אָט קיי איך. (ביידע בייסן פון די שטיקער ברויט מיט אַ צו־להבעיסדיקער אָפּגעלאָזנקייט און ביטול. יאָסעף הייבט אויף דאָס צובערל וואַסער.) נאַ, זופּ.

ג ר י ג אָ ר י

(זופּט)

דניאל, שטייט אויף, עסט.

ד נ י א ל

איך האָב דערקלערט אַ הונגער־שטרייק.

י אָ ס ע ף

אַנטקעגן וועמען?

ד נ י א ל

איך וועל הונגערן.

ג ר י ג אָ ר י

שוט עס נ׳שט, דניאל.

ד נ י א ל

אָ, לאָזט מיך.

ג ר י ג אָ ר י

(גיט א שלײַדער דעם פּאַק ברויט אָן דער נארע)

אין דר׳ערד אַרײַן.

י אָ ס ע ף

(ביטער)

דו שענדסט ברויט. מען טאָר נישט שענדן.

ד נ י א ל

איר זענט משוגע ביידע. הערט אויף.

(פּויזע)

(עס הערן זיך טרומייטער־סיגנאלן און געשרייען. עס עפנט זיך די טיר, עס קומען אַרײַן זאזולי און קאָוערזניקאָוו, מיט ברויט אין די הענט. די טיר פארמאכט זיך. זיי דערזעען די דריי און גלויבן נישט זייערע אויגן. די שטילקייט און דער אופן ווי די דריי זיצן אויף דער נארע נעמט זיי דורך, זיי טרעטן אויף די שפּיצן פינגער. זיי קוקן לאנג און נשתומם.)

י אָ ס ע ף

וואָס קוקט איר?

ז אַ ז ו ל י

אָ, מאַמעלעך מיינע, אין גאָרגל אַרײַן, אין די לונגען אַרײַן אין בויך אַרײַן.

ג ר י ג אָ ר י

גייט אַוועק.

ק אָ ו ע ר ז נ י ק אָ ו ו

צוריק אַהער?

י אָ ס ע ף

יאָ. מען קומט צוריק.

(זאזולי און קאָווערזניקאָוו טוליען זיך אין א צווייט ווינקל און קענען אלץ נישט קומען צו זיך)

ז אָ ז ו ל י

און, ס'אַראַ קעלט. (טרומייטן שאַלן)

ק אָ וו ע ר ז נ י ק אָ וו

עפּעס טוט זיך דאָרטן. מען שלאָגט זיך צי וואָס?

(שיסעריי, קולות טורעמען זיך, זאזולי און קאָווערזניקאָוו באַוועגן זיך אומרויק. די איבעריקע דריי זיצן ווי פריער אומבאַוועגלעך.)

ז אָ ז ו ל י

מען שיסט, איר הערט?

(שיסעריי ווערט גרעסער. קולות ארום דער טורמע שטאַרקער און נענטער. באָמבאַרדירונג. זאזולי און קאָווערזניקאָוו ציען זיך אוים אויף דער ערד, פאַרקריכן האַלב אונטער דער נאַרע.)

י אָ ס ע ף

(שפּרינגט אויף מיטאַמאָל)

אַ שחיטה גייט!

ג ר י ג אָ ר י

(אויך אויפגעשפּרונגען)

דניאל, דניאל, וואָס ליגט איר? ס'איז שרעקלעך. מיר האָבן באַדאַרפט זיין מיט זיי, מיט זיי. מען וועט זיי אויסשעכטן אַלעמען.

ד נ י א ל

מיך רופט נישט. (ליגט אויף דער נאַרע אויסגעצויגן ווי פריער.) איך ליג אויפן מזבח.

ג ר י ג אָ ר י

(לויפט צום טיר, שלאָגט אין טיר)

וואָס האָבן מיר געטאָן? (די טיר שליסט זיך אויף. די ארבעטער־העכטער לויפן אריין.)

וועכטער

דעם צאַרס אַרמיי איז שוין אויפן הויף דאָ — מיר זענען פאַרלאָרן.

דניאל

(הייבט זיך אויף. גייט אַרונטער פון דער נאַרע און בלייבט שטיין ביים וואַנט ווי אין חלום, איינגעשלאָסן און שווייגנדיק, ווי אַן אָפּגעשיידטער פון אַלעמען. עס הערן זיך טופּענדיקע טריט, ליאַרמדיקע נצחונותדיקע קולות. אין קאַמער פאַלט אַריין אַ גאַנצע מחנה אַרעסטירטע אויפשטענדלער. צווישן זיי לעווינע, זינגער און פּרץ, געדראַנג און צעמישעניש. די קאַמער ווערט אָנגעשטאָפּט ווי אַ פעסל. איינציקע פאַלן פון די פיס און די אַנדערע מרעטן אויף זיי. עס געדויערט נישט לאַנג און אויפן שוועל באַווייזט זיך דרוזשינין אין באַגלייטונג פון באַוואָפנטע זעלנער.)

דרוזשינין

שטיל זאָל ווערן! (עס ווערט שטיל).

זאַזולי

אייער הויכגעבוירט, מיר זענען נישט שולדיק.

דרוזשינין

שטיל, מערזאַוועץ.

קאָווערזניקאָוו

מיר ליידן אומזיסט, אייער הויכגעבוירט.

דרוזשינין

אָ, אָט זענען זיי, מיינע אַלטע באַקאַנטע. אַלע דאָ? (אין דער זעלבער צייט פירן וועכטער אַריין פּעטערן, סאַלאָמאָנען, נוקין און דעם זיידן.)

אַ זעלנער

(צו דרוזשינינען)

אין שפּיטאָל זיי געפונען. אייער הויכגעבוירט.

דרוזשינין

נו, זענען זיי שוין טאַקע אַלע דאָ? (באַפעל) די נייע אַרויספירן פון דאַנען אין אַן אַנדער קאַמער. מיט מיינע אַלטע

קונדן האָב איך אַן אַנדער חשבון.

א זעלנער

נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר אַלע אַרעסטירטע.

דרוזשינין

וואָס הייסט נישטאָ קיין פּלאַץ? קום, איך וועל דיר ווייזן ווי מען מאַכט פּלאַץ. נעמט זיי! (דרוזשינין און די זעלנער אָפּ מיט אַלע נייע אַרעסטאַנטן. די טיר פאַרשליסט זיך. אין קאַמער בלייבן איבער די אַלטע תושבים. לעווינע, פּרץ און זינגער שטייען באַזונדער אין איין ווינקל, גריגאָרי און יאָסעף אין אַנדער ווינקל. דניאל פאַר זיך אַליין. סאָלאָמאָן, פּעטער, נוקי און דער זיידע האַלטן זיך קוים אויף די פיס, זעצן זיך אַרונטער אויף דער ערד. זאַזולי און קאָוועריזניקאָוו נעמען זייערע מאַטראַצן און שלעפּן זיי צוריק אויף זייערע אַלטע פּלעצער. גערדריקטע שטילקייט. קיינער ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט זיך.)

נוקי

(ברעכט איבער די שטילקייט)

וואָס מאַכסטו, קעניגרייך מיינע? וואָס מאַכסטו, היים מיינע אייביקע? נעם אויף צוריק דיין פאַרוואָגלטן זון, נעם אויף. (פויזע אונטער דער נאַרע.) קומט אַהער צו מיר, ברידער מיינע, וואָס שטייט איר אַזוי אָנגעדראָדלט אַלע? (פויזע) וואָס שווייגט איר אַלע? ווער האָט אייך שטום געמאַכט? פאַרוואָס ענטפערט מען נישט נוקין?

גריגאָרי

שווייג דאָרט.

נוקי

אָ, איינער האָט כאָטש אַ וואָרט געזאָגט. אַ דאַנק דיר, ברודער, פאַר דעם וואָרט פאַר דיינעם. בייגט איין די קעפּ און קומט צו מיר; לייגט זיך אויס לעבן מיר און רוט מיט מיר צוזאַמען. איך האָב אייך אַלעמען גלייך ליב. אַלעמען. (צום אַלטן, וועלכער ציט פון די פיס די שטיוול אַרונטער.) טראָג, זיידע, די שטיוועלעך, די מתנה פון דיין אַנעלען,—אַ שיינע איז זי, דיין אַנעלע?

זיידע

אַ שיינע, אַ טייערע. — אָבער רייד נישט אַזוי. זון מיינער, רייד נישט. — נישט באַשערט, זונעלע, לאַנג צו טראָגן די שטיוועלעך. אַ גאַנצע וואָך געלעגן קראַנק, ערשט היינט צום ערשטן מאָל אָנגעטאָן זיי. נו, נישט באַשערט

נוקי

מעגסט זיי אויך דאָ אין טורמע טראָגן

זיידע

מ׳דאַרף צוריק אָנגרייטן די פיס פאַר קייטן און טורמע־שיך. אויס יום־טוב, זונעלע. — — צוריק, שטיוועלעך, אין טאָרבע אַריין.

זאַזולי

שטום דאָרט, אַלטער כריין.

נוקי

הער אים נישט, זיידע.

זיידע

ס׳מאַכט נישט, זונעלע

נוקי

דו זאָגסט, אַז עס איז אויס יום־טוב, — נישט אמת, זיידע. דער יום־טוב הויבט זיך ערשט אָן. דער אמתער יום־טוב. פון אויס גוט דיינע שטיוול. דערציי״ל עפּעס נאָך וועגן דיין אַנעלען.

זיידע

רייד נישט אַזוי, זונעלע. רייץ זיך נישט מיט דער טורמע. לאַכסט פון זיך אַליין.

נוקי

(פּלוצלינג)

בין הונגעריק.

גריגאָרי

נאַ, עס. אָט איז ברויט. (הארפט צו אים אלע דריי פּאַיאָקן.)

נוקי

וואָס עפּעס מיר דאָס גאַנצע ברויט? צעטייל עס פאַר אַלעמען גלייך. אַלעמען צו שטיקלעך. וואָס הייסט? — אַלע דאַרפן עסן.

(שטעלט זיך אויף און זיין פנים ווערט מיטאמאל געענדערט, ווערט דורכגענומען מיט א דורכזיכטיקער ליכטיקייט, קוקט אלעמען אין די אויגן. אין די הענט דאס ברויט.) וואס שטייט איר אלע אזוי מאדנע? ווער זענט איר?

גריגארי

הער אויף! טויט הענגט איבער אונז אלעמען.

נוקי

טויט? — וואס איז טויט? — איך וועל אייך זאגן וואס טויט איז. טויט איז שמייכל. איך ווייס וואס איך זאג. און ברויט איז שטארקער פון טויט. — — וואס, איר זענט צעקריגט איינער מיטן צווייטן? וואס, איר רעדט נישט איינער מיט דעם אנדערן? — ברויט, זאג איך אייך, איז שטארקער אפילו פון שנאה. ברויט איז — שלום. ברויט איז לעבן. נעמט, חברים, עסט. אט וועל איך צעטיילן אויף גלייכע חלקים. (ברעכט דאס ברויט אויף חלקים.)

זאזולי

צעטייל אונזער ברויט אויך פאר אלעמען גלייך.

נוקי

אוודאי, אוודאי. גיב עס אהער.

זאזולי

אט, ברודערל.

נוקי

א דאנק, זאזולי. ביסט א ווילער, א טייערער. (דערלאנגט דאס ערשטע שטיקל ברויט צו לעווינען. לעווינע, איבערראשט, טוט א שפאן אויף צוריק א פארלארענער.) איך שטעל איין צוריק דעם סדר, חברים, — צוריק קאמונע! — — נעמט, חבר לעווינע, פארשעמט נישט נוקין, פארשעמט נישט דאס ברויט. ברויט איז לייב.

לעווינע

(מיט ציטערדיקע הענט נעמט ער דאס שטיקל ברויט.)
א דאנק, נוקי. — גיב דניאלן.

נוקי

אַלעמעןוועל איך געבן. אַלעמען. (שטרעקט אויס אַ שטיקל ברויט דניאלן.) נעם, ברודערקע.

דניאל

(גיט אַ טראַט נענטער צו לעווינען, קוקט מיט גרויסע פֿאַנאַנדערגעריסענע אויגן אויף אים, און זיינע הענט, ווי זיי הענגען אַראָפּ, הויבן זיך נישט צו נעמען דאָס ברויט).

נוקי

נעם, דניאל. — ברויט איז בלוט.

לעווינע

דניאל, נעם!

דניאל

(פֿאַרשטעלט דאָס פּנים מיטביידע הענט)

לעווינע

(שטרעקט אויס צו דניאלן זיין אייגן שטיקל ברויט, וואָס נוקי האָט געגעבן, זיינע הענט טרייסלען זיך, ער זאָגט מיט פּעסט־קייט) נעמט, דניאל!

(דניאל טוט אָפּ זיינע הענט פֿון פּנים, הייבט זיי פּאַמעלעך אָן צו אויסשפּרייטן צו לעווינען. נאָר איידער ער האָט צייט אָנצונעמען דאָס שטיקל ברויט — קומט אַריין דרוזשינין.)

וועכטער

אויפֿשטיין! (אַלע שטייען אויף.)

לעווינע

(טרעט אַרויס)

איך וויל מאַכן אַ דערקלערונג.

דרוזשינין

(מיטן אויסגעשטרעקטן רעוואָלווער אין האַנט)

שטיי אויף דיין אָרט.

לעווינע

אָבער איך מוז.

דרוזשינין

שווייג! — — און איצט הערט אַלע. דאַרפֿן האָב איך באַדאַרפֿט

אייך אַלעמען אַרויספירן אויפן הויף און — צום וועגטל. אָבער איך וועל טאָן מיט אייך חסד, איך וועל היגריכטן איינעם נאָר פון אייך. איך גיב אייך צוויי מינוט, הונדערט מיט צוואַנציק סעקונדן, אין די דאָזיקע צוויי מינוט זאָלט איר זיך אויסשטעלן אַלע אין איין ריי, און דער וואָס וועט זיין דער זעקסטער פון לינקס, יענער וועט גלייך אַרויסגעפירט ווערן אויפן הויף און דערשאָסן ווערן. און אויב איר וועט דאָס נישט דערחייזן צו טאָן אין צוויי מינוט, וועל איך היגריכטן אַלעמען. (אָפּ. די ערשטע רגעס שטייען אַלע ווי געליימטע, דערנאָך גיבן זיך אַלע א כאַפּ, נעמען זיך דרייען, פאַרשטעקן זיך פאַר זיך אַליין און בלייבן ווידער שטיין צעטומלטע. די איינציקע, וואָס שטייען רויק, זענען לעחינע און דניאל)

לעווינע

(מיט אימפעט)

צעשטעלט זיך שנעל! איך האָב דעם סדר ווי אַזוי אויסצושטעלן זיך.

זינגער

וואָס הייסט?

לעווינע

רעדט נישט!

(מיט א באַרויקט כוח באַצווינגט ער אַלעמען, שטעלט זיי אויס אין א ריי. דניאל לאָזט זיך נישט, לעחינע שלעפּט אים מיט געוואַלד)

שטעלט זיך, זאָג איך אייך! — אַז איר ווייסט נישט וואָס דאָ וועט זיין. ער וועט קיינעם נישט נעמען פון אונז. קיינעם נישט. פאַרלאָזט זיך אויף מיר. (איידער וואָס-ווען עפנט זיך שוין צוריק די טיר. דרושינין קומט אַריין, לעחינע רוקט זיך פלינק אַריין אין דער ריי דער זעקסטער)

דרושינין

און איך האָב געמיינט, אַז איר וועט זיך איינע די אַנדערע די גאָרגלען איבערביסן, איידער איר וועט זיך אויסשטעלן אין ריי. — הם, מערקווירדיגעס! — — נו, גוט. (צו לעווינען) ביסטו

דאָס, הייסט עס, דער זעקסטער? — — נו, גוט. קום. (צו די וועכטער) נעמט אים, שמידט אים פריער אין קייטן. זאָל ער שטאַרבן אין קייטן. (וועכטער גיבן א נעם לעווינען.)

דניאל

(מיט א געשריי)

ס'איז נישט ריכטיק. ס'איז נישט געווען ריכטיק.

לעווינע

(מיט א רויקן קול)

ס'איז געווען ריכטיק.

דניאל

איך זאָג, אַז ניין!

לעווינע

(מיט שאַרפער באַטאָנונג)

דניאל, עס איז ריכטיק. — א גוטע נאַכט. (לאָזט זיך גיין צו דער טיר. סאָלדאַטן נאָך אים. אויך דרוזשינין. אָט, די טיר פאַרהאַקט זיך, אלע שטייען געפּלעפטע.)

קול פון וועכטער

(פון קאָרידאָר)

לייגט זיך שלאָפן!

(אלע צעלייגן זיך אויף דער נאַרע. דניאל קניט צו דער ערד. דורך די גראַטן פון טיר שטעכן זיך דורך באַיאָנעטן. מען הערט שמידעריי פון קייטן.)

נוקי

דער שמיד קאָוועט. דער האַמער שמידט ווידער. מען דאַרף נישט וויינען.

דניאל

קום אַהער צו מיר, נוקי.

נוקי

(זעצט זיך אויס אויף דער ערד, לעבן דניאלן)

ווײן נישט, דניאל.

דניאל

איך ווײן נישט.

נוקי

טויט איז שמייכל. טויט איז ליכטיקייט. איך האָב געוווּסט, אַז דאָס וועט זיין אַזוי.

דניאל

דו האָסט געוווּסט?

נוקי

אַלע מאָל מוז זיין איינער. איינער, וואָס גיט זיך אַוועק פאַר אַלעמען. און אַלע דאַרפן באַגלייטן דעם איינעם. און אַלע דאַרפן זיך צעטיילן מיט זיין לעבן אויף גלייכע חלקים. אַזוי ווי מען צעטיילט זיך מיט ברויט. — — —

(עס דערהערן זיך דריי קנאַלן פון ביקסן)

נוקי

סלושאַי!

(פאָרהאַנג)